STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01358

# HEKER ELOHIM

Mordecai Rosenfeld

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by David & Goldie Blanksteen*
*in memory of*
*Hy Weinberg*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# חקר אלהים

א ריכטיגע ערקלעהרונג אין גאטהייט, וואס קענן גאט פאדערען א צופריעדענהייט פיר זיך זעלבסט פון דעם מענשען? אונד וואס קענן א מענש טהון פיר גאט אז ער זאל איהם צו־פריעדען שטעלען, אונד פיעלע אנדערע זעהר אינטערעסאנטע ארטיקלען פון וועלכע דער לעזער וועט האבען דען גרעסטען פערגעניגען צו לעזען, אונד וועלכע זענען זעהר ניטצליך פיר דער מענשהייט . . . . . . . .


פערפאסט פון דעם גרויסען דענקער

מרדכי ראזענפעלד.



הערויסגעגעבען פאן

א. בראנענבערג, פרינטער אונד פובלישער

219 וויין סטריט, פהילאדעלפיא, פא.

# חקר אלהים

# הקדמה

איידער מיר גיבען איין איבערבליק איבער דער קראפט וואָס מיר רופען אָן „גייסט“ אָדער „זעהלע“ מוזען מיר צו ערשט געבען א ריכ־טיגע ערקלעהרונג וועגען דער קראפט וועלכע מיר רופען אָן „גאָט“ אָדער „נאטור“.

מיר זאָגען „גאָט“ אָדער „נאטור“ ווייל דער נאָמען מאכט ניט קיין ענדערונג אין דער ווירקליכקייט, צ"ב: זאָ וויא דער נאָמען רויזא מאכט ניט שעהן דיא בלום, אונד דער נאָמען דאָרען מאכט ניט שטעכענדיג, אונד ווען דיא נעמען זאָלען זיין פערקערט, וואָלט דאָס אויך ניט געמאכט קיין ענדערונג אין זייער ווירקליכקייט, דאָס זעלבע איז אויך מיט דער קראפט וואָס מיר רופען זיא גאָט אָדער נאטור.

וויא מען זאָל זיא רופען, מיט וואָס פיר איין נאָמען עס איז, מאכט דער נאָמען קיין ענדערונג אין איהר ווירקליכקייט, אונד מיר דארפען נור גוט פערשטעהן דיא ווירקליכקייט זעלבסט.

יעצט ווען מיר נעהמען גוט אין אנבעטראכט דיא צוויי פיסיגע חיה, ד"ה דעם מענשען, וועלכער איז דער רעגירער אונד זעלבסט־הערשער פון דעם גאנצען ערד־קוגעל און אלע ענדען פון דער וועלט, אונד נעהמענדיג אין אנבעטראכט וואָס דער מענש האָט אויפגעטהון מיט אלע זיינע גרויסע ערפינדונגען, אויף דעם ערד־קוגעל פון אוי־

II

בען, ער האָט געעפענט דעם בויך פון דער ערד, און האָט ענדעקט אללע רייכטהימער פון דער נאטור, ער פערשפרייט זיינע פליגלען אונד שאפט א וועג אויף צו דער הויך פון היממעל, ער האָט דער־גרייכט פיעלע נאטירליכע ענטדעקונגען, אונד געפאנגען גענומען אין זיינע הענד. שטעלט זיך דיא פראגע, ווער טהוט דאָס אלעס אויף? צו דער פערשטאנד שאפט דאָס אלעס? אָדער דיא הענד, דאָס הייסט דער קערפער שאפט דאָס אלעס?

אויף דער פראגע, מוזען מיר געבען דעם ריכטיגען ענטפער, אז אלעס וואָס דער מענש האָט אויפגעטהון, איז נור געטהון גע־וואָרען דורך זיין פערשטאנד, אונד דער קערפער איז ניט מעהר נאָר וויא טולס, א ווערקצייג צום פערשטאנד, מיט וועלכען, ער בענוטצט זיך אויסצופיהרען און צו פערווירקליכען זיינע ערקלעהרונ־גען און זיינע גרויסע ערפינדונגען, אזוי וויא אללערליי פערשיע־דענע אינסטרומענטען וואָס פאָדערען זיך צו פערווירקליכען פער־שיעדענע זאכען.

איך מוז אזוי זאָגען ווייל מיר זעהן אז דער מענש וועלכער האָט ניט קיין פערשטאנד, קען גאָר ניט אויפטהון.

מיר זעהן אז דער געפיהל פון פערשטאנד קאָן זיך ניעמאלס איינינגען און גלייכען מיט דיא קערפערליכע געפיהלען, דאָס וואָס דער פערשטאנד פיהלט קאָן דער קערפער ניט פיהלען. אונד וואָס דער קערפער פיהלט קאָן דער פערשטאנד ניט פיהלען, ווייל דער פער־שטאנד פיהלט נור גייסטיג, וועלכעס דער קערפער קען עס אין קיין פאל בעגרייפען, וויא צ"ב: שאנדע, אָדער פערגעניגען, ווען מען זאָל

איינעם מאכען א סקאנדאל פאר א גרויסען פובליקום, אָדער מען זאָל איינעם אָנזאָגען א בשורה, אז דיא גאנצע וועלט האָט אנערקענט זיין זאָהן אז ער איז דער איינציגער מיט זיין וויסענשאפט, איז דאָס גע־פיהל פון שאנדע אָדער פערגעניגען, פיהלט נור דער פערשטאנד אָדער ניט דער קערפער, ווארום דער זעלבער מענש, קוים איז ער א „חסר דעה" הגם ער איז א „חי ומדבר" פיהלט ער דאָך ניט קיין שאנדע אָדער פערגעניגען. אלזאָ זעהען מיר אז דער געפיהל פון פערשטאנד קען זיך ניט אייניגען מיט דיא געפיהלען פון קערפער (פערשטאנד קען נור מאכען א ווירקונג אויף דעם קערפער פון שאנדע אָדער פערגע־ניגען).

אונד קוים מיר זעהען אז פערשטאנד האָט איין עקסטרא געפיהל אויסער דעם קערפער, מוז איך זאָגען אז פערשטאנד לעבט אויסער דעם קערפער.

נאָך דיא געזעצע, אונד אויף דעם גרונד וואָס איך זאָג „כל חי מרגיש" מוז איך זאָגען צוריק „כל מרגיש הוא חי" ד"ה אז „אלעם וואָס לעבט פיהלט", מוז איך זאָגען אז „אלעם וואָס פיהלט לעבט" וייל דיא ביידע זאצען „חי און מרגיש" זיינען ביידע פון גלייכע קרייזען, „סוגים" וועלכע זיינען ניט גרעסער איינער פון צווייטען, זעלבסט פערשטענדליך, אז אזוי וויא דער געפיהל פין פערשטאנד קען זיך ניט אייניגען אונד גלייכען צו דעם ארט געפיהל פון קערפער, זאָ דעסגלייכען קען זיך ניט אייניגען אונד גלייכען, דאָס ארט לעבען פון פערשטאנד צו דעם ארט לעבען פון קערפער.

יעצט קומט אונז פאָר דיא פראגע איה מקור השכל? וההכמה

# IV

מאין תמצא? וואָס איז דאָס פאר א מין קראפט דאָס פערשטאנד? וואו געפינט זיך דאָס? און וויא ארום נעהמט זיך דאָס צום מענשען? צו איז דאָס איין איננערליכע קראפט וועלכע ווערט געבוירען מיט דעם קערפער צוזאמען פון מוטער־לייב, זאָ גליך וויא דיא קערפערליכע געפיהלען, און עס ענטוויקעלט זיך מיט דער ענטוויקלונג פון קערפער, אז וואָס דער קערפער ווערט פעסטער, ווערט דאָס פערשטאנד אויך פעסטער, ביז דער קערפער ווערט פאָלקאָם געזונד און שטארק, ווערט דאָס פערשטאנד אויך ענטוויקעלט פאָלקאָם אין איהם, אָדער ניין?

דאס פערשטאנד האָט גאָר ניט וואָס צו טהון מיט דעם געבורט פון קערפער, ווייל דאָס איז גאָר איין אויסערליכע אהנענדליכע קראפט וועלכע ערשיינט נור אויף דעם מח (געהירען) און העלפט איהם ארויס אלע מאָל, וואָס דער מח ווערט פעסטער צו פערשטעהן בעסער.

זאָ גלייך ווי דאָס אויג הגם עס האָט די קראפט צו זעהען, און דאָך מוז דאָס אָנקומען צו דער הילפע פון איין אויסערליכע קראפט, וועלכע ווערט ניט געבוירען מיט דעם קערפער, און געפינט זיך ניט ביי דעם מענשען אינעווייניג, אז דיעזע קראפט זאָל דעם ארויסהעלפען צו זעהען, און דאָס איז דיא שיין פון דער זונן, דעסגלייכען איז דער מח (געהירען) הגב ער האָט אין זיך דיא קראפט פון געבורטליכען פערשטאנד „כח בנשם“ (אינסטינקט) אונד דאָך מוז ער אָנקומען צו דער הילפע פון איין אויסערליכע קראפט פון פערשטאנד, אז זיא זאָל איהם ארויסהעלפען צו ענטוויקלען זיך, זאָנסט וואָלט ער געבליבען נור ביי זיין געבורטליכען פערשטאנד, „כח בנשם“ (אינסטינקט) ניט ענטוויקעלט, זאָ גלייך וויא ביי אללע טיערע.

## V

אויף דעם וועלען מיר געבען איין אנטוואָרט, מיט ריכטיגע בע־ווייזע, אז איך מוז זאָגען, אז פערשטאַנד איז איין אויסערליכע און אהנענדליכע קראַפט, וועלכע ערשיינט און ווירקט אויף אלעס, און אויך אויף דעם מח פון מענשען און העלפט איהם ארוים צו פער־שטעהען און ענטוויקעלט זיך, און זאָגסט ווען ניט דיא הילפע פון דיעזע קראַפט, וואָלט דער מח געבליבען ביי זיין „כח בגשם" ניט ענטוויקעלט, זאָ וויא אלע טיערע.

ערשטענס, ווען דאָס פערשטאַנד זאָל זיין, א געבורטליכע קראַפט וועלכע ווערט געבוירען מיט דעם קערפער צוזאַמען פון מוטער־לייב, און עס געפינט זיך אימער אין מח, (ווייל נור דער מח, איז דאָס איינ־ציגע אָרט וואָס ענטהאַלט אין זיך דאָס פערשטאַנד) וואָלט זיך ניע־מאָלס געקענט פאָרשטעלען אין שלאָף זאָלכע בילדער, וועלכע זיינען מין הנמנע בשכל, ווען דער מענש איז וואַכענדיג, און איז ביים פולען זינען, ווייל דאָס פערשטאַנד וואָלט געארבייט צוזאַמען מיט דיא קערפערליכע געפיהלען אינערליך, אונד וואָלט זיי קאָנטראָלירט דאָס זעלבע, וויא עס ארבייט און קאָנטראָלירט זיי ווען זיי ארבייטען אויי־סערליך, ד"ה ווען דער מענש איז וואַכענדיג, דאָס איז א בעווייז אז דאָס פערשטאַנד איז איין אויסערליכע קראַפט, און קאָנן נור ווירקען מיט איהר שיין אויף דעם מח, דאַמאָלט ווען דער מח איז ריין און קלאָהר, זאָ וויא דיא שיין פון דער זונן, קען נור ווירקען מיט איהר שיין אויף דעם אויג, ווען עס איז אָפען און געזונד, דאָס זעלבע איז דאָס פערשטאַנד.

אָבער ווען דער מענש שלאָפט איז דער מח פערוואָלקענט, און איבער דעם קאָן דאָס פערשטאנד שוין ניט ווירקען מיט איהר שיין, און נאָר וואָס דיא קערפּערליכע געפּיהלען ארבייטען איננערליך אליין אָהן דעם פערשטאנד, אונד וויל זיי זיינען „קוים" (ליניען) וואָס געהען ארויס פון א „נקודת התוך" פון א מיטעלפּונקט, דאָס איז דער מח, און פערשפּרייטען זיך צו דיא פערשיעדענע געפּיהלען פון קערפּער, און איבער דעם גאנצען קערפּער, און קערען זיך צו־ריק צו דעם מיטעלפּונקט, דאָס איז צום מח, און דאָרטען פער־אייניגען זיי זיך אין איין אלגעמיינע קראפט, וועלכע ווערט אָנגע־רופען, „כח המדמה" און וויל דער פערשטאנד קאָן דאמאָלסט ניט ווירקען אויף דעם פערוואָלקענדיגען מח, איבער דעם שטעלען זייא צוזאמען דיא אלע פערשיעדענע בילדער וועלכע זיי האָבען בעמערקט, ווען דער מענש איז געווען וואכענדיג.

צום ביישפּיעל: דאָס אויג האָט געזעהען א חיה לויפען און איין אָדלער פליהען, און איין אָקס מיט הערנער, און דער אויער האָט גע־הערט א מענשען ריידען, שטעלען זיי דאָס צוזאמען אין איין בילד. „זאָ וויא דניאל האָט געזעהן אין חלום, א חיה מיט פליגלען, און מיט הערנער, און איין האָרען האָט גערעדט" הגם דאָס האָט געהאט א בעדייטונג, איז דאָך ווען עס זאָל זיין דאָס ריינע פערשטאנד אין מח, וואָלט דאָס ניעמאלס דערלאָזט פאָרשטעלען אזא בילד, דאָס איז א בעווייז אז דאָס פערשטאנד איז איין אויסערליכע קראפט.

יעצט וועלען מיר געבען א לאָגישען פאקט, „הקש הגיוני" אז פערשטאנד איז איין אויסערליכע קראפט, מיר זעהען אז דיא פינף

קערפּערליכע געפיהלען, (חושים) אז וואָס דער געפיהל איז איידעלער איז ער אויך פיעל גרעסער אין זיין ווירקונג.

צום ביישפּיעל: דער חוש הראות" (דיא קראַפט פון זעהען) איז דיא איידעלסטע קראַפט פון דיא קערפּערליכע געפיהלען, איז איהר ווירקונג אויך פיעל גרעסער פון דעם געפיהל פון הערען, ווייל דאָס אויג קאָן דיא לופט אויך ניט אָפּהאַלטען, און אין דעם מאָמענט וואָס דער מענש עפענט דאָס אויג קען ער שוין זעהען אויף טויזענדער מיילען ווייט, ווערענד דער אויער קען ניט הערען אויף אזא ווייטע שטרעקע, און דאָך מוז דאָס אויג אָנקומען צו דער הילפע פון איין אויסערליכע קראַפט, וועלכע געפינט זיך ניט ביים מענשען אינווייניג, אז דיעזע קראַפט זאָל דעם מיטהעלפען אין זיין ווירקונג, און דאָס איז דיא שיין פון דער זונן, און ווייל דאָס זעהען איז זעהר איין איידעלער געפיהל וואָס קומט ניט פון קיין מאַסיווע בעוועגונג, זאָ דעסגלייכען איהר מיטהילפע, דיא שיין פון דער זונן איז דיא איידעלסטע, וועלכע האָט אין זיך קיין ממשות, און איז דיא גרעסטע.

דער „חוש השמע" דער געפיהל פון הערען איז פיעל קלענער פון דעם געפיהל פון זעהען, דאָך איז ער נאָך פיעל גרעסער פאָן דיא אי־בעריגע דריי חושים, איז מוז דער אויער אויך אָנקומען צו דער הילפע פון איין אויסערליכע קראַפט, אז זיא זאָל איהם ארויסהעלפען צו הע־רען, און דאָס איז דיא לופט.

הגם ער האָט אין זיך דיא קראַפט צו הערען און דאָך מוז ער אָנקומען צו דער הילפע פון דער לופט, ווייל אין גאנצען דעם אָבקלאַנג צו דעם אויער מאכט נאָר דיא לופט.

# VIII

און ווייל דאָס הערצן קומט שוין פון א מאסיווע בעוועגונג, „מתנועת הכבדים" דאָס הייסט פון דיא בעוועגונג פון דיא לונגען און לעבער, זאָ דעסגלייכען איז איהר מיטהילפע, דיא לופט, אויך א מאַסיווע קראפט, ווייל דיא לופט האָט אין זיך א שווערקייט. איז מוז איך זאָגען „על פי חוקי הקשי ההגיון" ד"ה נאָך געזעטצע פון לאָגישע פאקטען, אז פערשטאנד איז נאָך פיעל מעהר איידעלער, און גרעסער פון דעם זעהען.

צום ביישפיעל: דאָס אויג זעהט דאָס דער גאַריזאנט לעגט דיא ענדע פון היממעל אויף דער ערד, אָבער דאָס פערשטאנד זעהט נאָך ווייטער, אונד זעהט רונד ארום דעם גאנצען ערד-קוגעל, און פערשטעהט, אז דאָרטען וואו דער היממעל ליגט אויף דער ערד, איז דיא זעלבע הויך, גראדע זאָ וויא מיר שטעהען.

מיט פערשטאנד קען מען זעהען „גבוה מעל גבוה דברים עיונים ורוחנים אשר אין להם כל שום מציאות בפעל" ד"ה אז מיט דעם פערשטאנד קען מען עררייכען העכער פון העכער, זאכען וועלכע זיינען נור גייסטיגע און קלערענדיגע, וואָס האָבען נאָך ניט קיין גרונד אין דער ווירקליכקייט, וואָס דאָס אויג קען דאָס אין קיין פאל ניט בעגרייפען.

איז מוז איך זאָגען אז דאָס געבורטליכע פערשטאנד אין מח, „כח בגשם" (איסטינקט) מוז אוודאי אָנקומען צו דער הילפע פון איין אויסערליכע קראפט וועלכע איז דיא איידעלסטע און דיא גרעסטע פון אלעס, אז זיא זאָל דעם ארויסהעלפען צו ענטוויקלען זיך, און דאָס איז א לעבעדיגע עקזעסטירענדע קראפט פון ריין לויטער פערשטאנד, אין

וועלכער מיר האָבען ניט קיין בעגריעף, און דיעזע קראפט רופען מיר גאָט אָדער נאטור.

און וויא מע זאָל זיא רופען, מאכט דער נאָמען קיין ענדערונג אין איהר ווירקליכקייט, און איך מוז זאָגען אז זיא איז פערהאנדען.

יעצט קומט אונז פאָר נאָך א פראגע; צו איז דיא נאטהייט, ד"ה דיא אָבער קראפט פון דעם ריינעם פערשטאנד, פערבונדען, מיט אלעם וואָס עס געפינט זיך פון מאטעריאל? און זיינען אָבהענגיג איינס פון צווייטען?

איך מוז זאָגען אז זיי זיינען יאָ פערבונדען און אָבהענגיג איינס פון צווייטען, ווייל אָהן מאטעריאל קאָן דאָס פערשטאנד גאָר ניט אויפטהון אָבער דאָס פערשטאנד איז פיעל העכער פון אלעס, ווייל עס קען פערניכטען אלעס, אז עס זאָל זיך געפינען נור אין דער קראפט, און קאָן דאָס ווייטער שאפען, און ענדערען אין פערשיעדענע פאָרמען, אָבער דאָס פערשטאנד וועט זיך ניעמאלס ענדערען.

יעצט קומט אונז פאָר ווייטער א פראגע, פיר וועלכע מיר אידען, ליידען און ווערען פערפאָלגט אויף שריט און טריט שוין באלד צוויי טויזענד יאָהר, און דאָס איז דיא פראגע: „צו קען געבוירען ווערען א זאָהן פון גאָט? ד"ה אז דאָס ריינע געטליכע פערשטאנד זאָל קענען ווירקען אויף איין אנדער פלאטץ אויסער דען מח, (וויא צום בייש־פיעל: איך זאָל זאָגען, אז דיא שיין פון דער זונן קען ווירקען אויסער דעם אויג, אויך אויף דעם גראָבען פינגער פון פוס, אז ער זאָל אויך קענען זעהען) וואו עס קען בשום אופן ניט ווירקען.

X

און ווען אפילו עס זאָל יא קענען, דאַרף עס דאָרט ניט ווירקען, ווייל דאָס פּלאַטץ פּאָדערט ניט קיין פערשטאַנד, און עס קען דאָרטען ווירקען יעדער אהנוויסענדער, אָהן אַ שום פערשטאַנד?

אויף דעם דאַרפען מיר זיך ניט פיעל ברעכען דעם קאָפּ, און דער אנטוואָרט איז קורץ, אַז עס קען ניט זיין, ווייל פערשטאַנד קען מעהר ניט ווירקען נור אויף דעם מח, אָבער ניט אויף קיין אנדער אבר.

זעלבסט פערשטענדליך אַז דאָס ריינע געטליכע פערשטאַנד, האָט זיך נור געפּאָדערט אין אָנפאַנג, ווען עס האָט געדאַרפט שאַפען דעם גאַנצען מענשליכען קערפּער פון ערד, און אַ פּרויען צימער פון אַ מאַנספּערזאָן, און עס האָט זיך בענוטצט מיט פיעלע פערשיעדענע מאַטריעלע קרעפטע, זאָ וויא דאָס וואָרט „אלהים“ בעדייטעט.

אָבער קוים האָט דאָס פערשטאַנד געשאַפען דעם מאַן מיט דער פרוי איז האָט דאָס שוין מעהר ניט צו טהון מיט דעם גאַנצען קערפּער, נור מיט דעם מח, און צו שאַפען אַ מאַנספּערזאָן פון אַ פרויענצימער, איז דערצו פּאָדערט זיך שוין ניט קיין פערשטאַנד, און דאָס קען יעדער אהנוויסענדער מענש, און אַלע לעבעדיגע טיערע שאַפען, אָהן אַ שום פערשטאַנד, מעהר פון דעם וועלען מיר רעדען ביי דער ערקלעהרונג פון קרבנות, און עלילת דם, און נאָך פיעלע זאַכען.

# נשמה, גיאהינום, גן עדן, שכר ועונש לאחר המות,
# ביאת המשיח ותחיית המתים.

# נשמה, גיאהינום, גן עדן, שכר ועונש לאחר המות
# ביאת המשיח ותחיית המתים.

---

## א.

## נשמה

מיר מוזען זיך א ווײלע אָפּשטעלען, און געבען איין איבערבליק איבער דעם וואָס מיר רופען „נשמה“, (זעהלע, גייסט) גיאהינום אין גן עדן, שכר ועונש לאחר המות, ד״ה: לאָהן און שטראפע נאָך דעם טויט, און „ביאת המשיח“ און תחיית המתים“ ד״ה: אז עס וועט קומען א משיח, און אללע טוידטע וועלען לעבעדיג ווערען.

הגם איך האָב שוין פיעלעס געשריבען וועגען דעם און האָב גע־געבען גענויע ערקלעהרונגען, און ריכטיגע בעוויזע פון לאָגישע פאקטען, אז עס קען ניט זיין, אָבער איך האָב דאָס אלעס געשריבען אין דער העברעאישער שפראכע, און ווייל מאנכע לעזער זיינען ניט בע־קאנט מיט איהר, וועל איך דאָס איבערגעבען אין דער זשארגאָנישער שפראכע, וואָס איז בעקאנט צו יעדען איינעם.

הערט אייך איין גוט מיינע פריינדע: צום ערשטען וועלען מיר געבען איין ערקלעהרונג וועגען דעם וואָס מיר רופען „נשמה“ (זעעלע אָדער גייסט) און אז מיר וועלען איבערצייגען אז א מענש האָט ניט קיין נשמה, איז וועט שוין ממלא אראָפּ פאלען, „גיאהינום און גן עדן“ און „שכר ועונש לאחר המות“ ד״ה לאָהן און שטראפע נאָך דעם טוידט.

ווען מיר שטודירען, און פארשען, און נעהמען גוט אין אנבעטראכט „תורת משה" „נביאים און כתובים" געפינען מיר ניט קיין גרונד אז נשמה זאל בעדייטען אזא עקזיסטירענדע קראפט וועלכע איז פער־בונדען מיט דעם קערפער צוזאמען ביז דער ענדע פון מענשענס לעבען, און נאכהער זאל זיא עקזיסטירען אליין פיר זיך זעלבסט, און וועלכע זאל קענען ערהאלטען לאהן און שטראפע, אין תורת משה געפינען מיר יא אז ער רופט אן דאס בלוט „נפש" „אך את דמכם לנפשותכם אדרוש" און ווידער „כי נפש כל בשר דמו בנפשו הוא" אבער דיעזע נשמה מאכט ניט קיין אונטערשיעד פון א מענש צו א בהמה, און צו אלע לעבעדיגע טיערע, און דאס הייסט „נפש החיונית" דאס לעבענס קראפט, און זיא עקזיסטירט ביי אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען גלייך, אהנע אונטערשיעד, מענש אדער טהיער, און דיעזע קראפט ווערט באלד פערניכטעד מיט דער ענדע פון לעבען.

אלעס וואס מיר געפינען אין תורת משה, וועגען נשמה, איז וואס ער דער צעהלט אונז „ויפח באפיו נשמת חיים" און גאט האט איינ־געבלאזען אין דיא נאזלעכער פון מענשען איין לופט פון לעבען. און דאס איז דיא „נפש המשכלת" דיא קראפט פון פערשטאנד, וועלכע איז דיא עקזיסטענץ פון מענשענס לעבען, מיט וועלכע ער קען עקזיס־טירען, און דאס איז זיין ריכטיגע בילד, „צורה עצמית" מיט וועלכע ער איז אפגעזאנדערט פון אלע לעבעדיגע טהיערע. און ניט דאס געש־טאלט פון זיין קערפערליכע געביידע מיט זיין רעדענס קראפט מאכט איהם אפגעזאנדערט פון אלע לעבעדיגע טהיערע, ווארום ווען ער זאל ניט האבען דאס פערשטאנד, איז הגם ער קען רעדען וואלט ער געהייסען

נור א צווייפיסיגע חיה, און ער וואָלט זיך ניט אונטערשיידען פון דעם ווילדען וואָס עסט מענשען פלייש, הגם זיין קערפערליכע געביידע איז וויא א מענש, און רעדט וויא א מענש.

אלזאָ איז נור זיין פערשטאנד אין גאנצען זיין ריכטיגע בילד, „צורה עצמית“ מיט וועלכען ער איז אָפּגעזאָנדערט פון אללע ווילדע טהיערע, און אז עס איז ריכטיג זיין מיינונג מיט דעם וואָרט, „נשמת חיים“ מיינט ער דאָס פערשטאנד, ווארום ווען ער זאָל מיינען מיט דעם וואָרט „נשמת“ דיא „נפש החיונית“ ד. ה. דיא לעבענס קראפט, מיט וועלכע עס עקזיסטירען אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען, וואָלט ער אונז ניט געדארפט דערצעהלען, ווי ארום ער האָט איהם אריינגעבלאָזען, אזוי וויא ביי אלע טהיערע דערצעהלט ער אונז גארניט אז ער האָט זייא אָנגעבלאָזען, און אז ביי דעם מין מענש, דערצעהלט ער אונז אז איהם האָט ער יאָ אָנגעבלאָזען, וואָלט דאָך גענוג געווען ווען ער זאָל זאָגען, „ויפח בקרבו רוח חיים“ וואָלט דאָס בעדייטעד אז ער האָט אין איהם אריינגעבלאָזען א קראפט פון לעבען, און דאָס איז דיא „נפש החיונית“ (לעבענס קראפט) אָבער אז ער זאָגט „נשמת“ און דערצעהלט אונז „באפיו“ גיבט ער אונז צו בעמערקען, אז „נשמת“ איז דאס פערשטאנד, אונד „באפיו“ (אין זיינע נאָז לעבער) ווייל דאָס איז דאס איינציגע אָרט וואָס האָט צו טהאָן מיט דעם מח, (געהירען).

און אז עס איז ריכטיג, דאס איבעראל, וואו מיר געפינען דאס וואָרט „נשמה“ אָדער „נשמת“ איז, בעדייטעד עס נור דיא קראפט פון פערשטאנד, און ניט דיא לעבענס קראפט, וועלכע איז פערבונדען מיט דעם קערפער צוזאמען פון מוטער־לייב אָן, נור ער מיינט דאמיט, דאס

געטליכע ערשיינונג פון פערשטאנד וואס עס ערשיינט אויף דעם גע־הירען פון מענשען צו יעדער צייט, דאס איז איבערצייגט פון „חומש" ווייטער, ווען ער דערצעהלט אונז, אז עס זיינען געקומען צו נח'ן צו דער תיבה פון אלערליי בעשעפעניסען, אויסער נור דער מין מענש, וועלכער איז ניט געקומען, זאגט ער: ויבאו אל נח אל התיבה שנים מכל הבשר אשר בו רוח חיים" ד. ה. אלעם וואס עס האט אין זיך נור א לעבענס קראפט, אבער ווען ער דערצעהלט אונז שוין פון דעם אונטערגאנג, ווען עס איז שוין אלעם פערניכטעט געווארען, און ער רעכענט צו לעצט דעם מין מענש, זאגט ער שוין: כל אשר נשמת רוח חיים באפיו, און דאמיט מיינט ער דעם מין מענש, ווייל דאס ווארט נשמת בעדייטעד דאס פערשטאנד, וואס דערמיט איז דער מענש העכער פון אלע טהיערע.

## ב.

## נפש המשכלת (זעעלע פון פערשטאנד).

ישעיו הנביא האט געזאגט: „חדלו לכם מן האדם, אשר נשמה באפו, כי במה נחשב הוא" דאס הייסט מיידעט אוים דעם מענשען, הגם מיט זיין פערשטאנד שטעהט ער פיעל העכער פון אלע טהיערע און דאך האט ער קיין ווירדע ניט.

נאך מעהר בעווייזע אז דאס ווארט „נשמה" אדער „נשמת" אי־בעראל וואו איהר געפינט זיי, בעדייטען זיי נור דיא ערשיינונג פון דעם געטליכען פערשטאנד, און צו יעדער צייט ווען דאס ערשיינט אויף דעם מענשען, ווערט דאס אנגערופען „נשמה" ערשיינונג, דאס

איז איבערצייגט פון דעם וואס איוב'ס חבר האט געזאגט: „כי אמרתי ימים ידברו, ורוב שנים יודיעו חכמה" ד"ה איך האב געדיינקט, אז יאהרען רעדען, און אז פיעלע יאהרען ערקלעהרען דאס פערשטאנד אין מענשען, ד"ה אז איין עלטערער מענש פערשטעהט מעהר פון איין יונגען מאן, ווייל ער האט פיעל דורך געלעבט איז ער פראקטישער, „אכן רוח הוא באנוש" אבער עס איז ניט מעהר וויא דער גייסט אין מענשען, ד"ה דיא קראפט וועלכע קען ערהאלטען דאס פערשטאנד, און „ונשמת שדי תבינם" דאס ערשיינונג פון דעם געטליכען פערשטאנד מאכט זיי פערשטענדיג, ער מיינט דאמיט, אז הגם יעדער מענש, האט אין זיך דיא קראפט, צו ערהאלטען דאס געטליכע ערשיינונג פון פער־שטאנד, אבער ניט יעדער איינער קען דאס ערהאלטען גלייך, ווייל דאס איז אבהענגונג פון די פעהיגקייט פון מח, (געהירען), איבער דעם האט דאס פערשטאנד ניט צו טהון מיט פיעלע יאהרען, זאנדערען מיט דער פעהיגקייט פון מח, דערפאר קען זיין אז א יונגער מאן וואס בעזיטצט דאס פעהיגקייט פון געהירען, זאל פיעל מעהר פערשטעהן פון איין אלטען מאן וואס האט ניט אין בעזיטץ דאס פעהיגקייט פון געהירען.

נאך מעהר בעווייזע, אז עס איז ריכטיג, אז דאסווארט „נשמה" מיינט נור דיא „נפש המשכלת" און ניט דיא „נפש החיונית" (דיא לעבענס קראפט) זעהען מיר דערפון וואס דער פראפעט ישעיו זאגט: „נותן נשמה לעם עליה, ורוח להולכים בה" ער גיבט איין ערשיינונג פון פערשטאנד צו דעם מענשען, און א קראפט פון לעבען צו אלעם וואס געהט אום אויף דער ערד, און ווידער א מאל זאגט ער: „כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי" ד"ה דער געטליכער גייסט

הילט איין יעדען מענשען, און דאָס זיינען דערמיט געשאפען דיא נשמות (זעעלען). און זאָ האָט געזאָגט החכם מכל אדם: „נר ד' נשמת אדם" דאָס געטליכע ערשיינונג פון פערשטאנד, דאָס איז דיא זעעלע אין מענשען. אָבער דיעזע „נפש המשכלת" ד"ה זעעלע פון פער־שטאנד, איז ניט מעהר נור וויא „שכל הנקנה באמצעת שכל הנפעל מהאדם והוא המח" דאָס הייסט וויא א געקופטע נשמה פון איין אויסערליכע קראפט פון דער ערשיינונג פון דעם ריינעם געטליכען פערשטאנד. אויף דיא געהירען פון מענשען ביז צו א בעשטימטע ציים.

אָבער דאָס איז ניט דאָס אייגענטהום פון מענשען, וועלכעס זאָל זיין פערבונדען מיט איהם אויף איממער און איממער, ד"ה אז דיעזע נפש המשכלת (זעעלע פון פערשטאנד) זאָל זיין א זעלבסטשטענדיגע, און אפילו נאָך דעם טויט, זאָל זי אויך ניט זיין געשיעדען פון קערפער. (איך מיין דאמיט אז זיי קענען זיין א גייסטיגעס וועזען פיר זיך זעלבסט „שכל נפרד" און אלע נשמות זיינען אפגעזאָנדערט איינער פון דער צווייטער און זיינען „שכלים נפרדים" יעדע פיר זיך זעלבסט.)

## ג.

## שכר ועונש לאחר המות

### גיאהינום און גן עדן

נאָך דיא ערקלעהרונג און לאָגישע פאקטען פון דיא פריהעריגע קאפיטלען וועלכע איבערציינגען אונז אז „נשמה" מיינט נור „נפש המשכלת", (זעעלע פון פערשטאנד) וועלכע איז ניט מעהר נור

איין ערשיינונג פון דעם ריינעם געטליכען פערשטאנד, און עס ווירקט נור אויף א געזונדען מח, זאָ וויא דיא שיין פון דער זונן העלפט מיט דעם אויג, נור אין דער צייט ווען עס איז אָפען און געזונד, אָבער קוים איז געקומען דיא ענדע פון לעבען, און דאָס אויג האָט זיך צוגעמאכט, און דער געהירען איז אָפּגעשטאָרבען, איז האָבען שוין דיעזע ערשיינונגען, קיינע ווירקונג אויף דעם טוידטען קערפּער, און זייער פערבינדונג ווערט אָבגעשניטען פון איהם אויף אימער און אימער, פרעגט זיך דיא פראגע וויא קענן דיעזע „נשמה“ דיא געט־ליכע ערשיינונג, ערהאלטען לאָהן אָדער שטראפע?

מיר זעהען, אז א וואנזיניגער, וואָס לעבט יאָהרען לאנג, טאָ וויא געפינט זיך זיין נשמה? און וויא אזוי קען זיא ערהאלטען לאָהן אָדער שטראפע, אז דער קערפּער איז אויף דער וועלט? אלזאָ, קוים אז מיר געפינען ניט קיינע קראפט אין מענשען, וועלכע זאָל קענען עקזיסטירען נאָך דעם טויט, אויך פיר זיך זעלבסט, און זאָל אויך קענען ערהאלטען לאָהן אָדער שטראפע, איז מוז איך זאָגען, אז עס איז ניט פאראנען קיין „גיאהינום און גן עדן“, ד"ה לאָהן און שטראפע נאָך דעם טוידט.

אויסער דעם וואָס מיר געפינען ניט קיין גרונד אין גאנץ ת"נ"ך אז עס זאָל זיין לאָהן און שטראפע נאָך דעם טוידט, ד"ה „גיאהינום און גן עדן“ האָבען אונז געגעבען צו ערקלעהרען אלע גרעסטע צדי־קים דייטליך, אז נאָך דעם טוידט ווערט דער קערפּער פערניכטעט, און עס בלייבט ניט קיין קראפט, וועלכע זאָל קענען עקזיסטירען פיר זיך זעלבסט, און זאָל פיהלען לאָהן און שטראפע, ווייל מיר געפינען

ניט איינעם פון דיא גרעסטע צדיקים, ווערכער, זאָל געוועזן וועלען שטארבען, און האָבען דאָס ריכטיגע פערגעניגען פון לעבען אויף יענע אמת'ה וועלט, און ניט מחמת זיי האָבען מורא געהאַט, אז טאָמער חלילה וועט מען זיי נעהמען אין גיאהינום, נור פשוט ווייל דער קערפער ווערט אין גאנצען פערניכטעט, און עס בלייבט ניט קיין עקזיסטירענדע קראפט פיר זיך זעלבסט.

דוד המלך האָט געזאָגט: „מה בצע בדמי, ברידתי אל שחת, היודך עפר, היגיד אמתך?" ד"ה וואָס וועט דיר ארויסקומען מיט מיין שווייגען, ווען איך וועל ניעדער געהען אין גרוב? קען דען דיך לויבען דיא ערד קען זיא דערצעהלען דיא ווארהייט? היינט ווען עס זאָל בלייבען נאָך דעם טויט אויך איין עקזיסטירענדע קראפט פיר זיך זעלבסט, „שכל נפרד" א ריינע נשמה, קען זיא דאָך יאָ דערצעהלען פון גאָטס ווארהייטען.

זיין זאָהן שלמה, האָט געזאָגט אין קהלת „את כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך, עשה" „כי אין מעשה וחשבון, דעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה" דאָס הייסט: אלע פערגעניגען וואָס דוא קענסט דיר פערשאפען מיט דיין געלד, זאָלסטו דיר פערשאפען ביי דיין לעבען, ווייל נאָך דעם טויט איז שוין ניט פאראַנען קיין ווירקונג, קיין רעכנונג, און קיין וויסענשאפט.

חזקיהו מלך יהודה, האָט געזאָגט: „כי לא שאול תודך, מות יהללך, לא ישברו יורדי בור אל אמתך" „חי חי כמונו היום, אב לבנים יודיע אמתך" ד"ה, ניט דער וואָס ניעדערט אין גרוב קען דיך בעדאנקען, און ניט דער וואָס שטארבט קען דיך לויבען, דיעזע וואָס

ניעדערען אין גרוב קענען שוין מעהר ניט האָפען צו דיין ווארהייט, נור א לעבעדיגער וויא איך הייטע, א פאָטער צו קינדער קען ערקלעהרען דיין ווארהייט. און עס איז פארהאנדען נאָך פיעל אזעלכע בעווייזע.

## ד.

## ביאת המשיח.

יעצט וועלען מיר בעקלעהרען דיא פראגע, וועט קומען א משיח צו דיא אידען? אויסער דעם וואָס מיר געפינען ניט קיין גרונד אין גאנץ ת"נ"ך, אז עס זאָל קומען א משיח צו אידען, נאָך דעם צווייטען חרבן פון ירושלים, האָט שוין דאָס ערקלעהרט, דער אידישער גע־לעהרטער, ר' הילל, (אין דער גמרא סנהדרין) און זאָגט: „אין משיח לישראל, שכבר אכלוהו בימי חזקיהו מלך יהודה", דאָס הייסט, אז עס איז ניט פעראנען קיין משיח צו אידען, ווייל מען האָט איהם שוין לאנג פערניכטעט נאָך אין דער צייט פון חזקיהו מלך יהודה.

דיעזע מיינונג ערקלעהרט דער בעל העקרים, אז חזקיהו איז גע־ווען דער משיח, דער גרעסטער אידישער געלעהרטער, דער גרעסטער דאָקטאָר, און דער גרעסטער אסטראָנאָם. שמואל ירחינאהו וועלכער האָט געזאָגט: „נהירין לי שבילי דרקיע כשבילי דנרדעי לבר מכוכבה דשביט", ד"ה עס איז מיר ליכטיג דיא שטיגען פון הימעל זאָ וויא דיא שטיגען פון מיין שטאדט נרדעי אויסער דעם שטערען מיט דער רוהט (קאמעט), און ער האָט געזאָגט: „אין בין העולם הזה לימות המשיח, אלא שעבוד מלכיות בלבד" ד"ה אז עס וועט ניט זיין קיין ענדערונג פון דער געגענווערטיגער צייט צו דער צייט וואָס מען דיינקט

אז עס וועט קומען א משיח, בלויז עס וועט מעהר ניט זיין קיינע רע־גירונגען, און דאָס וועט זיין דיא הילפע פיר אידען.

ווען ער זאָל מיינען נור געגען דיא אידען אליין אז זיי וועלען מעהר ניט זיין אונטעריאכט, אונטער דער לאסט פון רעגירונג, וואָלט ער געזאָגט דיא אויסשפּראכע „אלא שעבוד מלכות" ווייל דאָס בע־דייטעד איין (1) רעגירונג, אָבער אז ער זאָגט „שעבוד מלכיות", וועל־כעס מיינט פיעלע רעגירונגען, גיבּט ער אונז דאמיט צו מערקען, אז נור דאמאָלס וועט זיין א הילפע פיר אידען ווען עס וועלען אונטער־געהען אלע רעגירונגען, דאָס הייסט, אז עס וועלען ניט זיין קיינע „מלכיות" (רעגירונגען) איז דאמאָלס וועט קענען עקזיסטירען יעדע נאציאָן פיר זיך זעלבּסט און דאָס וועט זיין דיא הילפע פיר דער אידישער נאציאָן אויך.

ווייל פון אימער און אימער אָן ביז יעצט צו דער געגענוואַרטיגער צייט, בּעשטעהעט נור דיא וואַרהייט און רעכט, פון פיעלע פויסטען און קאנאָנען, און איבּער דעם קאָן ניט עקזיסטירען קיין קליינע און שוואכע נאציאָן, פיר זיך זעלבּסט, ווייל דיא שטאַרקערע אונטערדריקט און אונטעריאָכט זיא אונטער איהר לאסט מיט דער רעכט פון מעהר פויסטען און מעהר קאנאָנען. צום בּיישפּיעל: ווען עס זאָל צוגעהען א געזונטער און קרעפטיגער מאַן, צו א שוואכערען, און איהם אָננעהמען פעסט בּיים קאַרק, און איהם זאָגען, דו בּיזט מיין אונטערדריקטער, און דיין אייגענטהום בּעלאַנגט צו מיר, און פאַר־ניט געהאָרכען הרגה איך דיך, און הרגית איהם, הייסט ער א רויבּער און א מערדער, און מע דאַרף איהם משפּטן צום טויט. דאָס זעלבּע

ווען עס טהוען א גרעסערע אנצאָהל מענשען צו א קלענערע, הייסען זיי א באנדע רויבער און מערדער, און מע דארף זיי אויף משפטן צום טויט, אָבער ווען דאָס זעלבע טהוט א שטארקערע נאציאָן צו א שוואַכערע, און דריקט איהר אונטער מיט שווערד און פייער, דאמאָלס ווערט נאָך דער פיהרער זייערער פערגעטערט ביי דער אהנוויסענדער מאססע, און עס קימערט אויך גיט קיין נאציאָן וועגען דעם פערברעכען, אז זיי זאָלען דיא געזיעגטע נאציאָן בעטראכטען אלס באנדיטען, רויבער און מערדער, גראדע וויא מען בעטראכטעט דיא גרעסערע אנצאָהל מענשען, וועלכע בעזיעגען א קלענערע פיר באנדיטען און רובער. ווייל אלע גרויסע נאציאָנען זיינען אויף פערגיפטעט, מיט דעם זעלבען פערברעכען, פון רויב און מאָרד, אונטערדריקונג דורך פייער און שווערד, און בלוט פערגיסונג פון אלע קלענערע און שוואכערע נאציאָנען, היינט וויא קענען זיי פראָטעסטירען געגען זייער אייגענעם פערברעכען.

נאָך מעהר אפילו דיא ריכטער פון דיא גרויסע נאציאָנען, זיינען אויך דיא זעלבע מערדער וויא זייערע הערשער, זאָ וויא „איוב" האָט געזאָגט: „ארץ נתנה ביד רשע פני כל שופטיה יכסה חמס" ד"ה אז דאָס לאנד איז איבערגעבען אין דיא הענד פון א מערדערישען זעלבסטהערשער, פערדעקט ער דאָס געזיכט פון אלע איהרע ריכטער אויך מיט רויב און געוואלד טהאָט. ווייל אָנשטאָט זיי זאָלטען בעדראָהט פעראורטהיילען צום טויט זייערע הערשער, פאר פערגיסען אונשולדיגע בלוט פון זייערע אונטערדריקטע, איז פעראורטהיילען זיי גאָר דיא אונשולדיגע אונטערדריקטע צום טויט. און ווען עס זאָל זיין אמת'ע

ריכטער, וועלכע זאָלען ריכטען נאָך דער ריינער ווארהייט, וואָלטען זיי פערארורטהיילען דיא פאלשע ריכטער אויך צום טויט, פיר זייער פאלש אורטהיילען אונשולדיגע מענשען.

אָבער ווען עס וועט שוין ניט זיין קיינע רעגירונגען, דאמאָלס וועט שוין קענען עקזיסטירען דיא קלענסטע אונד שוואכסטע נאציאָן פיר זיך זעלבסט, מיט דער רעכט פון דער ריינער ווארהייט. און דאָס איז ריכטיג שמואל ירחינאה'ס מיינונג.

## ה.

## תחית המתים.

### דיא אויפלעבונג פון דיא טויטע.

אויסער וואָס מיר געפינען ניט קיין גרונד אין גאנץ ת"נ"ך אז דיא פערשטאָרבענע זאָלען נאָך א מאָל לעבעדיג ווערען, איז דאָס דיא גרעסטע דומהייט צו גלויבען אין אזא דומהייט, ווארום? ערשטענס איז דיעזע וואָס גלויבען אין יענע אמתה וועלט, אז דאָרטען איז דאָס ריכטיגע פערגעניגען פון לעבען, וואָלט דאָך געוועזן, דיא גרעסטע רעה, פיר דיעזע פערשטאָרבענע, אז זיי זאָלען דארפען נאָך א מאָל לע־בעדיג ווערען, ווייל ביי זיי וועט אויסקומען דאָס אָפלעבען, פונקט וויא אונז דאָס אָפשטארבען, און מען בעגראָבט אין דער ערד, ווייל זיי זיינען שוין ריינע נשמות אָהן קערפער, און זיי לעבען שוין דאָר־טען א גוטען טאָג, און האָבען דאס ריכטיגע פערגניגען פון לעבען, היינט אז זיי זאָלען דארפען אָפלעבען, וואָלט דאָך ביי זיי זיין אָפ־

געשטאָרבען, און מען בעגראָבט זיי אין דער ערד פון א לייטענעם קער־פער, קבר.

און אזוי ווי איך האָב ערקלעהרט אז עס איז גאָרניט פאראן קיין עווינער גייסט וועלכער זאָל זיין צוגעבונדען צו דעם מענשליכען קער־פער, און איך זאָל גלויבען אז גאָט וועט שאפען, אבערמאלס דיא פערניכטעטע קערפער, איז דאָס אויך דיא זעלבע דומהייט צו גלויבען אין דעם, ווייל וויא ער זאָל זיי שאפען, וועלען זיי זיך ניט קענען איי־נער דעם צווייטען און וויא וועט דאָס אויסזעהען, צב"ש ווען ער זאָל זיי שאפען נאָך דער עלטער וואָס זיי זיינען געשטאָרבען? און אז עס איז געשטאָרבען א יונגער מאן פון עטליכע און צוואנציג יאָהר, און האָט געלאָזט, א צוויי דריי קינדער זכרים אין עלטער פון צוויי, דריי, פיער יאָהר, און זיי האָבען שוין געלעבט אין עלטער פון זיבעציג, אכט־ציג יאָהר, און אז זיי וועלען לעבעדיג ווערען, איז וויא אזוי וועט אויסזעהן דער יונגער פאָטער, געגען דיא אלטע זיהן מיט דיא גרויסע גראָוע ווייסע בערד? וועלען זיי זיך דען קענען איינער דעם צווייטען? און אויב איך זאָל זאָגען, אז ער וועט זיי שאפען זאָ וויא זיינען געבאָהרען געוואָרען, איז וועלען זיי זיך אוודאי ניט קענען איינער דעם צווייטען, און וויא איך זאָל זאָגען איז דיא גרעסטע דומהייט צו גלוי־בען אין אזא דומהייט. ובפרט אז נאָך דער גרויסער מחלוקה וואָס עס איז פאָרגעקומען צו ווישען דיא גרעסטע „תנאים (אידישע גע־לעהרטע) דיא „בית שמאי" און דיא „בית הילל" וועלכע האָט גע־דויערט צוויי־און־א־האלב־יאָהר, איז נאָכהער איינשטימיג בעשלאָסען געוואָרען, אז עס איז גלייכער אונד בעסער פיר דעם מענשען, ער זאָל גאָר ניט געבאָהרען ווערען.

הגם מיר געפינען אין נביאים וואס ריידען יא פון „תחית המתים“ ישעהיו האט געזאגט „יחיו מתך, נבלתי יקומון“ עס וועלען לעבעדיג ווערען דיינע פערשטארבענע, אהנוויירדיגע וועלען אויפשטעהן. דניאל האט געזאגט: „ורבים משני אדמת עפר יקוצו“, און פיעלע פון דיעזע וואס שלאפען אין דער ערד, וועלען זיך אויפחאפען, אבער דאס איז נור א משל, געגען דיא אונטערדריקטע וואס האבען זיך געפונען אין בבל, און האבען אויפגעגעבען זייערע האפענונג, אז זיי זאלען נאך קעננען אויפבליהען, און זיך אומקעהרען צוריק קיין ירושלים, און ווערען נאך א מאל א רעגירונג פיר זיך זעלבסט, איבער דעם גלייכט ער זיי צו פערשטארבענע וועלכע זיינען האפנונגסלאז, ווייל זיי זיינען טויט און פערניכטעט וועלען זיי געוויס מעהר ניט לעבעדיג ווערען, אבער דיעזע לעבעדיגע וואס זיינען האפנונגסלאז, ווייל זיי זיינען אונטערדריקט, דיעזע וועלען נאך אויפלעבען און אויפבליהען.

דאס זעלבע מיינונג איז אויך ביי דיא טרוקענע ביינער וואס יחזקאל הנביא האט לעבעדיג געמאכט, — איך וויל ניט בעלעסטיגען דעם לעזער מיט פיעל פראגען, נור צוויי פראגען וועל איך דא שטעלען: ערשטענס, ווארום האבען דיעזע ביינער געשוויגען אזא לאנגע צייט, אכט הונדערט און אכציג יאהר, און האבען ניט אויפגעהויבען קיין קלאגע, אז עס איז זיי שלעכט אויף יענע אמת'ע וועלט? און ערשט דאמאלסט ווען יחזקאל הנביא איז געקומען מיט דיא אנשי הגולה קיין בבל, און איז שוין דארט געווען א צייט יאהרען, איז ערשט דאמאלס האבען זיך דיא טרוקענע ביינער ארום געזעהען אז עס איז זיי ניט גוט, און האבען אויפגעהויבען איין קלאגע אויף דער אמת'ע וועלט? צווייטענס: פאר וואס איז גראדע נור דיעזע ביינער, וועלכע זיינען געווען אין טהאל האבען זיך בעקלאגט? און ניט סיינע אנדערע? איך

דיינק אז אין דער צייט ווען עס איז געווען דער נביא יחזקאל, איז שוין געווען פיעלע מילליאָנען פערשטאָרבענע מענשען, פאר וואָס האָבען זיך זייערע ביינער ניט בעקלאָגט? און פארוואָס בעקלאָגען זיך ניט דיא ביינער פון דער געגענווערטיגער צייט, וואָס יעצט זיינען שוין פארהאנדען טויזענדער מילליאָנען פארשטאָרבענע?

עס בעקלאָגען זיך יא, דיא ביינער פון דיא לעבעדיגע סקעלעטען, וועלכע געהען ארום אין סטריט ארבייטסלאָז, און אפילו דיא וואָס ארבייטען, ערהאלטען נים זייער ריכטיגען לוין פיר זייער ארבייט, אבער אין דער ריכטיגער ווארהייט געשפראָכען, איז דאָס נור א משל געגען דיא פערטריעבענע קיין בבל, און דאָס וואָס דער נביא דערצעהלט אונז אז גאָט האָט איהם געבראכט אין א טאָהל, און דיא טאָהל איז געווען דורכאוים מיט טרוקענע ביינער, מיינט ער דאמיט, וואָס גאָט האָט איהם געבראכט קיין בבל, וואו עס זיינען געווען אלע פערטריבענע פון ירושלים, און דיא טהאָל איז בבל, ווייל בבל ווערט אָנגערופען „בקעה“, זאָ וויא מיר געפינען אין חומש „וימצאו בקעה בארץ שנער“ זאָגט דיא גמרא „זה היא בבל העמוקה מכל הארצות“ דאָס הייסט, זיי האָבען געפונען א טהאָל אין לאנד שנער, דאָס איז בבל, וועלכע איז נידריגער פאָן אלע לענדער. און דאָס וואָס ער זאָגט אז דיא טהאָל איז געווען פולל מיט טרוקענע ביינער, מיינט ער דאמיט דיא פערטריבענע מענשען פון ירושלים, וועלכע האָבען אויפגעגעבען יעדע האָפנונג צו ערלעזט ווערען, און צו זיין נאָך א מאָל א רעגירונג פיר זיך זעלבסט, און איבער דעם גלייכט ער זיי צו טרוקענע ביינער, ווייל זיי זיינען האָפנונגסלאָז.

און דיא פראגע פון גאָט: התחינה העצמות האלה? מיינט ער, וויא דיינקסטו וועלען נאָך אויפבליהען דיעזע האָפנונגסלאָזע מענשען? און דאָס גאנצע קאַפּיטעל געהט אויף דיא פערטריבענע מענשען. און וואָס ער זאָגט דאָרטען אז דיא גלידער האָבען זיך צוגערוקט איינער צו דעם אנדערען, מיינט ער דאמיט אז עס וועט זיך אומקערען יעדער איינער צו זיין הויז, צו זיין פעלד, און וועלען זיך פעראייניגען אונ־טער איין רעגירונג.

און וואָס ער זאָגט ווייטער „העצמות האלה כל בית ישראל המה" אז דיעזע ביינער זיינען א בעוויז אויף אלע אידען, מיינט ער דאמיט, אז ניט נור דיעזע וואָס געפינען זיך אין בבל און זיינען האָפנונגסלאָז וועלען ערלייזט ווערען, זאָנדערען אפילו דיא אידען וועלכע געפינען זיך אין אנדערע לענדער אויסער בבל, און זיי זיינען אויך האָפנונגס־לאָז און גלויבען ניט אז זיי וועלען ערלייזט ווערען, וועל איך זיי אויך ערלייזען, און וועל זיי ברייגגען צוריק קיין ירושלים, און ער גלייכט זיי צו טרוקענע ביינער, ערשטענס, ווייל זיי זיינען האָפנונגסלאָז, און צווייטענס, ווייל דער מענשליכער קערפּער בעשטעהט פון פיעלע פער־שיעדענע גליעדער, און צוזאמען בילדען זיי איין קערפּער, דעסגלייכען איז א נאציאָנאלע רעגירונג, וועלכע בעשטעהט פון פיעלע מיטגליעדער און צוזאמען בילדען זיי איין רעגירונג. און איבעראל זיינען דיא רייד פון דיא נביאים פערשטעלט און זיינען געגרינדעט נור אויף משל, מליצה, חידה, און עס איז ניט פערהאנדען קיין פונדאמענט און קיין גרונד אויף וועלכען מען זאָל קענען פעסטשטעלען אז עס וועט קומען א משיח, און אלע פערשטאָרבענע וועלען נאָך א מאָל לעבעדיג ווערען.

ו.

## דער גלויבען און גיאהינום און גן עדן.

**יעצט** וועלען מיר בעטראכטען פאָן וואנען האָט זיך גענומען די מיינונג פון גיאהינום און גן עדן ד"ה לאָהן און שטראפע נאָך דעם טויט. ווען מיר קוקען זיך גוט אָן און שטודירען די אידישע געשיכטע, זעהען מיר אז דאָס שטאמט נור פון די אידישע געלעהרטע „תנאים" זאָ וויא מיר געפינען, אז ווען רבי אליעזר הגדול איז שלאָף געוואָרען, און זיינע תלמידים זיינען אריינגעקומען איהם מבקר הולה צו זיין, האָבען זיי געזעהען אז ער וויינט, האָבען זיי איהם געפרעגט, רבי וואָס וויינסטו? האָט ער זיי געענטפערט ווייל איך האָב צוויי וועגען, איינעם צום גיאהינום און צווייטען צום גן עדן, און איך ווייס ניט וואו הין מען וועט מיר פיהרען?

עס צייגט אז דאָס מיינונג פון גיאהינום און גן עדן איז ביי זיי געווען א קבלה פון זייערע עלטערען, אין וועלכע איינינגע האָבען יא געגלויבט און איינינגע האָבען ניט געגלויבט; זאָ וויא מיר געפינען „אנטיגנוס איש סוכו אומר, אל תהי כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרת" ד"ה אנטיגנוס דער העררר פון סוכו זאָגט, איהר זאָלט ניט זיין, זאָ וויא די ארבייטער וועלכע ארבייטען דעם העררר פיר לוין, „אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב על מנת שלא לקבל פרס" „ויהו מורא שמים עליכם" ד"ה זאָנדערן איהר זאָלט זיין וויא יענינגע ארבייטער וועלכע ארבייטען ניט פיר לוין, און דאָך זאָלט איהר מורא האָבען פיר גאָט, און ניט דיינקען אז דאָס האָט צו טהאָן מיט

נאטהייט. דאמיט גיט ער אונז צו מערקען אז מע זאל ניט גלויבען אין לוין נאך דעם טויט.

זיי האבען אבער געמוזט ענדערען זייער מיינונג און פעסטשטע־לען אז עס איז יא דא לוין און שטראפע נאך דעם טויט, דיא אורזאכע דערפון איז געווען, ווייל אייניגע האבען זיך אפגעשטעלט מיט א פראגע: סטייטש! אז עס איז יא פערהאנדען א געטליכע קראפט וועלכע רעגירט מיט אלעס? זא וויא קומט דאס וואס דיא מעהרסטע טהייל מענשען, פלאגען זיך אלע זייערע יאהרען, ביז דער ענדע פון זייער לעבען, היינט וואו איז זייער לוין? און איך קענן ניט זאגען אז אלע דיא וועלכע פלאגען זיך זיינען אלע זינדיגע, און אלע דיא וועלכע לעבען וואהל און זיינען גוט אב, זיינען אלע פרומע, און ביי דער געטליכער קראפט, וואס זיא איז דיא אלגעמיינע קראפט פון פערשטאנד און ווארהייט, קען ניט עקזיסטירען קיין אונרעכט, היינט וואו איז טאקע דער לוין פון דיא געפלאגטע מענשען?

דיעזע פראגע איז פארגעקומען ביי דיא תלמידים פון צדוק און ביתוס, דיעזע ביידע געלעהרטע האבען געפריידיגט צו זייערע שילער, אז זיי זאלען ניט האפען אויף קיין לוין נאך דעם טויט, האבען זיי דיא שילער אבגעשטעלט מיט דיעזער פראגע: „עבד עובד כל היום, ולערב אינו מקבל שכרו? ויצאו לתרבות רעה" ד"ה קען דאס זיין א מענש זאל זיך פלאגען אלע זיינע יאהרען און נאכהער, ד"ה נאך דעם טויט זאל ער ניט ערהאלטען קיין לוין? איז האבען זיי אין גאנצען אבגעלייקענט דיא גאטהייט; איבער דעם האבען אלע אידישע געלעהרטע גע־

טויט ענדערען זייער מיינונג און פעסטשטעלען אז עס איז יא דא לוין און שטראפע נאך דעם טויט.

אבער אין דער ריכטיגער ווארהייט ווען מיר קוקען זיך נור גוט אן אין דעם מאמר פון אנטיגנוס איש סוכו, זעהן מיר וויא ריכטיג ער האט געזאגט צו זיינע שילער, אז הגם ער הייסט זיי ניט גלויבען אין לוין און שטראפע נאך דעם טויט, און דאך זאלען זיי פורכט האבען פיר גאט, און זאלען ניט דיינקען, אז קום עס איז ניט פערהאנדען קיין לוין און שטראפע נאך דעם טויט איז ניכט פערהאנדען קיין געטליכע קראפט אויך.

אין דער ריכטיגער ווארהייט, האט דיא געטליכע קראפט גאר ניט צו טהון מיט לוין און שטראפע, ווען דאס איז גאר אבהייננגיג נור פון דעם מענשען זעלבסט, ניט וואס מיר דארפען דאס גלויבען, נור וואס מיר זעהען דאס מיט אונזערע אויגען, און מיר פערשטייען מיט דעם געזונדען פערשטאנד, מיר זעהען און פערשטייען אז דער מין מענש איז איין אויסנאהמע פון אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען, און עס איז ריכטיג וויא אונזער גרויסער מחוקק משה רבנו דערציילט אונז, אז מיט דעם מין מענשען האט זיך דיא געטליכע קראפט אליין בענומען, און האט איהם געשאפען „בצלם אלהים“ אין דער שוטע פון פיעלע ווירסענשאפטליכע קרעפטען, ד"ה דאס פערשטאנד וואס ענטהאלט אין זיך פערשיעדענע וויסענשאפטען, וואס מיט דעם פערשטאנד איז ער אבגעזאנדערט פון אלע לעבעדיגע טהירע, ווייל איהם האט זיא געשאפען מיט א פרייען ווילען, און דאס איז זיין פערשטאנד וואס מאכט איהם פריי זיין ווילען, און האט איהם ניט איבערגעגעבען צו דיא

געזעטצע פון דער נאטור, וויא אלע לעבעדיגע טהירע, וועלכע געהען איממער נור נאך דיא געזעטצע פון דער נאטור, ד"ה אויף איין גאנג, אז זיי זאָלען ניט קענען ענדערען זייער כאראקטער פון זייערע עלטע־רענס כאראקטער, אזוי וויא דער פאטער אזוי זיינען זיינע קינדער און קינדס־קינדער, א. ז. וו., ד"ה אז א טיגער אָדער א לייב זאָלען גע־באהרען א קינד, וועלכעס עס זאָל זיין א געגענשטאנד געגען זיי מיט זיין כאראקטער אָדער מיט זיין פערשטאנד, און אזוי זיינען אלע טהירע, זיי קענען ניעמאלס ענדערען זייערע זאַממען, ווייל זיי געהען איממער נאך דיא געזעטצע פון דער נאטור, וועלכע קען זיך ניט ענדערען, און אזוי זיינען אויך אלע פראדוצירענדע בוימער און אלע פלאנצונגען, קענען ניט ענדערען זייער פרוכט, ווייל זיי געהען איממער נאך דיא געזעטצע פון דער נאטור. אָבער ניט אזוי איז דער פאל מיט דעם מין מענשען, ביי מענשען קען זיין פונקט פארקערט אז דער פאַ־טער זאָל זיין א מערדער, מיט דעם פערדאָרבענסטען כאראקטער אין דער מענשהייט, און זיין זוהן זאָל זיין געגען איהם א געגענשטאנד, א הפך, מיט דעם בעסטען כאראקטער און מיט דיא עהרליכסטע זיטען, אזוי אויך מיט דעם פערשטאנד, דער פאָטער זאָל זיין א שוטה א נאר, און דער זוהן איין חכם, אָדער אומגעקערט. און דאָס פאסירט ביי דעם מין מענשען אין דיא פיעלע טויזענדער.

מיר זעהען אז דער גרויסער משה רבנו און אלע נביאים האָבען געהאט קינדער פּראָסטע און דארויף דארפען מיר ניט קיינע בעווייזע, אלזאָ זעהען מיר אז דער מענש איז איין אויסנאהמע מיט זיין פרייען ווילען, דאָס הייסט זיין פערשטאנד מיט וועלכען ער קען זיך אליין

קאנטראלירען, אויסער נאר דיא איינענשאפטען פון זיין קערפערליכע געביידע, און דאס פעהיגקייט פון זיין נעאירען, דאס איז שוין ניט אונטער זיין קאנטראלע. ווייל דאס איז שוין אבהייננינ פון דעם ווילען פון דעם געטליכען פערשטאנד, אבער דיא געטליכע קראפט האט גאר ניט צו טהון מיט לוין און שטראפע, וועלכעס עס איז אב־הייננינ נור פון דעם מענשען אליין.

מיר זעהען און פערשטעהען אז דיא געטליכע קראפט האט אלעס פערזארגט, געשאפען הימעל און ערד און אלעס וואס עס געפינט זיך אויף דעם באדען פון אויבען, אלע פערשיעדענע מעטאלען און פער־שיעדענע שטיינער פון דיא נידריגסטע ביז דיא טהייערסטע, אלע ברען מאטעריאלען וואס געפינען זיך אין שוים פון דער ערד, האט זיא דאס אלעס פערגרייט נור פיר דעם מענשען אליין, ווייל נור דער מין מענש אליין בענוטצט זיך מיט דעם אלעס, נור ער און ניט קיין אנ־דערער, אבער דיא געטליכע קראפט האט אלעס געשאפען און צוגעגרייט פיר דעם מין מענש, ווייל דער מענש איז ניט אימשטאנדע געוועז דאס צו שאפען, אבער צו געניסען פון דעם גרייטען, פון דער גרייטער ברוכט, וואס דיא געטליכע קראפט האט פארבערייטעט פיר יעדען איינעם גלייך אהן אונטערשיעד, דאס איז שוין ביי דעם מענשען אין דער האנד, און עס איז אבהייננינ נור פון איהם אליין, און דאס גאטהייט האט שוין מעהר דאמיט גארניט וואס צו טהון, זא ווי די גאט־הייט האט ניט צו טהון מיט פיעלע זאכען וועלכע זיינען אבהייננינ נור פון דעם מענשען זעלבסט, זא וויא גנבה, גזלה, און אלע פער־

ברעכען אין דער מענשהייט, וועלכעס דאָס האָט שוין צו טהון מיט ריכטער און פּאָליציי, און ניט מיט קיין גאָטהייט.

דאס זעלבע האָט אונז געגעבען צו מערקען דער נביא ירמיו. ער זאָגט „מפי עליון לא תצא הרעות והטוב" הרעות איז דיא אויסשפּראכע פון פיעלע שלעכטעס, און והטוב איז דיא אויסשפּראכע פון א קליינע טהייל גוטעס, דער נביא גיבט אונז דאמיט צו מערקען, אז דאס וואָס דיא מעהרסטע טהייל מענשען, געפינען זיך אין א טרויעריגע און א שלעכטע לאגע, און נור א קליינע טהייל איז גוט אב, איז דאָס ניט גאָטעס שולד דאראן, זאָנדערען, דאס איז דיא שולד פון דעם פּער־דאָרבענהייט פון דער מענשהייט זעלבסט. און ווירקליך, איז דאָס ניט, דיא שולד פון גאָט, ווייל דיא גאנצע קראפט פון דער גאָטהייט, בעשטעהט נור אין איהר אונענדליכען, לויטער ריינעם פערשטאנד, און דאָס פערשטאנד מאכט אללעס.

אבער וואָס איז שולדיג דאָס פערשטאנד, ווען דיא לייטע ווילען דאָס ניט פערשטעהן? און זאָ זאָגט דער נביא: „כי לא עם בינות הוא, על כן לא ירחמנו עושהו" ד"ה אז דאָס פאָלק וויל ניט פערשטעהן, קאָנן איהם גאָט (פערשטאנד) אויך ניט העלפען. און ווייל דיא מעהרסטע טהייל פון דער מענשהייט, וועלכע, בעזיטצט דיא גאנצע קראפט און מאכט, זיינען פערדאָרבען און אונוויסענד, איז מיט דער נעלעגענהייט, בענוצט זיך דיא באנדע רויבער און מערדער, און אונ־טעריאָכען אונטער זייער לאסט, דיא ארמע אהנוויסענדע קלאססע, און זויגען אויס פון זיי דאָס לעצטע בלוט, און פערניכטען זייערע לעצטע קרעפטען.

זיי דיא באנדע רויבער, זיטצען פרידליך אין זייערע גראָסאַרטיגע און פראכטפאָללע פאלאצען, און געבען זיך אָפּ מיט אלערליי פערגעניגען, און דיא ארמע קלאססע, פערנעהמט אללע זייערע שווערע ארבייט. דיא באנדע רויבער, באָדען זיך אין פערגעניגען בעדער, אין דער צייט, ווען דיא ארמע ארבייטער, באָדען זיך אין דיא גרויסע שטראָמען פון זייער אייגענעם בלוטיגען שוויים, און דאָך האָבען זיי נים קיינע פרוכטע פון זייער שווערע ארבייט, מיט וועלכע, זיי זאָלען קענען צופרידען שטעלען זייערע אונגליקליכע פאמיליעס, און זאָ פלאגען זיי זיך אָפּ דאָס גאנצע ביסעל יאָהרען. איממער אין עלענד און אין נויטה, און נור דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט, פיר וועלכען זיי ארבייטען אזוי שווער און ביטער. און פערקירצען זייערע יאָהרען, איינינע וואָס ווערען בעגראָבען לעבענדיגערהייט, און איינינע וואָס שטארבען אזוי אהן א צייט, און אזוי ווערען זיי פערפאלען און פערניכטעט, ווער הערט זיי, ווער ווייסט פון זיי, אָדער ווער דערמאָנט זיי, און ווען פעלען זיי, נור וואָס זייערע אייגענע פאמיליעס, וועלכע בלייבען שוטצלאָז, טרויערען נאָך זיי, אָבער דיא גאנצע שולד איז זייער אייגענע, זייערע פערדאָרבענע טהאטען, בעשטראפען זיי, אונד זייער אייגענע דומהייט, פערניכטעט זיי, ווייל זיי אליין רויבען אוועק זייער רעכט, און פערניכטען זייער גאנצע קראפט און מאכט. דערמיט וואָס זיי געבען אוועק זייער גאנצע קראפט און מאכט צו איין מערדער, און ער רויבט שוין אוועק זייער רעכט, מיט אונרעכט, און טהוט וואָס ער וויל, און קיין איינער, טאָר איהם שוין קיין דעה ניט זאָגען, און קיינער טאָר שוין ניט וואגען צו זאָגען דעם אמת, אז

ער טהוט געוואלדטהאט און אומרעכט. און דאָס איז זייער אייגענע שולד.

מיר געפינען ביי דוד המלך, ווען ער איז בעגאנגען דאָס פער־ברעכען, ביי צעהלען דאָס פאָלק, איז געקומען צו איהם דער נביא, און האָט איהם געזאָגט, אז גאָט האָט איהם געגעבען דריי ברירות: עגטווייעדער דריי יאָהר הונגער, אָדער דריי מאָנאטען פאלען פיר דעם פיינד, אָדער דריי טעג מאָרד, (כאלעריע) איז ער בעשטאנען בעסער אויף מאָרד.

הײנט לאָמיר זעהן ווער וואָלט געליטען פון דיא דריי ברירות? צ"בש דריי יאָהר הונגער. וואָלט געליטען דאָס ארמע פאָלק, ווייל מיר זעהן, אז אין דער צייט פון הונגער, ווען עס איז געוועז בעלאגערט שומרון, און אחאב הרשע איז געוועז מלך. האָבען פרויען געקאָכט זייערע אייגענע איין־און־איינציגע קינדער, און אחאב המלך האָט נאָך געהאלטען פערד, אלזאָ איז ווער וואָלט געליטען הונגער, דאָס ארמע פאָלק.

דריי מאָנאטען פאלען פיר דעם פיינד, ווער וואָלט גיהרגיט געוואָרען? דאָס ארמע פאָלק, דריי טעג מאָרד, ווועמען האָט מען געמאָרדעט, דאָס ארמע פאָלק, עס איז ארויסגעגאנגען א מלאך, אונד האָט געמאָרדעט פון ארמען פאָלק, זיבעציג טויזענד מאנן, איז דאָך דיא פראגע, ווען דוד איז בעגאנגען א פערברעכען, וואָס איז שולדיג דאָס ארמע פאָלק? על פי דין תורה, איז יעדער פערברעכער, דארף ער נור אליין, ליידען פיר זיין פערברעכען, זאָ וויא מיר געפינען אין חומש „לא יומתו אבות על בנים, ובנים לא יומתו על אבות“ „איש

בחטאו יומת" „נפש החטאת היא תמות" „צדקת הצדיק עליו תהיה, ורשעת הרשע עליו תהיה" (יחזקאל י"ח).

נאך מעהר, דוד המלך אליין, האט דאס געפרעגט, אין האט געזאגט, איך בין בעגאנגען דאס פערברעכען, דארף זיין דער מארד אין מיר, און אין מיין פאמיליע, און די יונגע שעפסען, וואס זיינען זיי שולדיג? אבער קיין אנטווארט, האט ער דערויף ע־האלטען, און הגם דוד המלך האט קיין אנטווארט דארויף ערהאלטען קענען מיר געבען דען ריכטיגען אנטווארט: וויל אין דער ווירקליכקייט, איז דיא גאנצע שולד בעשטאנען, טאקע נור אין דיא דומע שעפסען, עס איז טאקע געווען, נור זייער אייגענער שולד. וויל ווען זיי זיינען געקומען צו שמואל הנביא, און האבען פון איהם געפאדערט, ער זאל זיי געבען א מלך, (רעגירער) האט ער זיי געווארענט, און האט זיי ערקלעהרט, אז מען דארף ניט האבען קיין מלך, וויל א מלך בריינגט ניט קיינע נוטצען זיין פאלק, פערקערט, ער רואינירט זיין פאלק, ער בערויבט זיי, ער בענעהמט זיי, דאס שעהנסטע אונד דאס בעסטע, נעהמט ער צו נור פיר זיך זעלבסט, אבער זיי האבען איהם ניט געוואלט הערען, און האבען דאך געפאדערט מען זאל זיי געבען א מלך, איבער דעם איז דיא שולד זייער אייגענע, און נור זיי אליין דארפען פיר איהם ליידען, און קיין אנדערער.

ער דער זעלבסט הערשער, און וועלט מערדער זיטצט זיך רוהיג אין זיינע, גרויסארטיגע און פראכטפאלע פאלאצען, מיט דיא גרעסטע פערגעניגען און לוקסוס, און פערשפיעלט מילליאנען דאללאר אין קארטען, פאר וואוילטאג, און אין דער זעלבער צייט פליסען גרויסע

שטראָמען מענשען בלוט פון זיינע ארמע אונטערטאהנען, וועלכע פער־גיסען זייער בלוט אויף דעם שלאכט פעלד אָהנע שום נוטצען פיר קיינעם.

ער, דער זעלבסט הערשער און מערדער, זיצט זיך רוהיג אונ־געשטערט, אין זיינע פראכטפאָלע פאלאצען, און זיינע טריט, וואשט ער אין דיא ברויזענדע וועלען, פון מענשען בלוט, ער שאפט א וועג, פון מענשליכע קערפער, איבער דיא וואסערען, און א פער־שפרייטונג, (רפסודות) פון הונדערטע טויזענדע פגרים, איבער דעם וואסער דאָנוי, בכדי ער זאָל קענען געהען, ערהאָבערען פרעמדע לענדער, און אונטערדריקען זייערע איינוואָהנער, אונטער זיין יאָך מיט שווערד און פייער, מיט פערפלייצונגען און איבערשווימונג, פון גרויסע טייכען מענשענס בלוט, און דאָס אלעס טהוט ער נור מיט זיין ווילען, און נור פיר זיין פערגעניגען, און ניט חלילה ער זאָל דערמיט צופרידען שטעלען, זיינע ארמע און ניעדערשלאָגענע אונטערטהאנען, וועלכע, האָבען געאָפפערט זייער לעבען אויף דעם שלאכט פעלד, און פערגאָסען זייער בלוט וויא וואסער, ניין! דאָס אלעס טהוט ער נור פיר זיין נאָמען, און פיר זיין עראינערונג, ווייל עס וועט פערשריעבען ווערען נור זיין נאָמען, מיט דעם בלוט פון זיינע ארמע אונטערטהאנען, אין דער בלוטיגער היסטאָריע, פון דער אונמענשליכער וועלט געשיב־טע, אין וועלכער עס ווערט פערשריעבען מיט מענשען בלוט, דיא מאָרד טהאטען און רויבערייען פון דיא גרעסטע וועלט מערדער, וועלכע האָבען זיך בעסער אויסגעצייכענט, פון צווייטען, מיט מעהר בלוט פערגיסונג, רויב און מאָרד, איז דער גרעהמט פיר דעם גרעס־

טען העלד, און מעהר נעאכטעט און פערגעטערט, ביי דער אונווי־סענדער מאססע.

דער מערדער און זעלבסט הערשער, טהוט אלע גרעסטע פער־ברעכען אין דער מענשהייט, אלע געמיינע און נידערטרעכטיגסטע טהאטען, און דאך איז ער פערגעטערט ביי דער אונוויסענדער מאססע, און הייסט ביי זיי דער גאט פון דער ערד, און דיא זעלבע קנוטע, מיט וועלכען זיי זיינען זא מערדעריש געשמיסען געווארען, קושען זיי וויא איין הייליגטהום.

ניט גראדע נור אין דיא וועלט טהיילען, וואו עס רעגיערט איין זעלבסט הערשער, ווערט בעגאנגען אלע ניעדערטרעכטיגע רויבערייען און מערדערייען, זאנדערן אפילו אין דיא לענדער, וואס צו בלומרשט איז דיא רעגירונג ביים פאלק אין דיא הענד, און זיי קלייבען אויס איין הערשער מיט זייער ווילען, און נור אויף איינינע יאהר, און דאך זיינען דיא טרערען פון דיא גערויבטע פול איבעראל, און דיא רעכטע פון דיא בעטריבטע, ווערט פון זיי אוועקגערויבט, און דיא ווארהייט, ווערט אונטערדריקט און פערשטיקט דורך רויך, פייער און שווערד. ווייל אין דיעזע לענדער, פון פרייהייט און וויסענשאפט, איז שוין אויך אונטערגעגאנגען דיא זונן פון ווארהייט, און דיא שטראלען פון גערעכטיגקייט, זיינען פערדונקעלט געווארען, אונטער דעם פינסטערען וואלקען פון דומהייט און פערדארבענהייט, ווייל דאס בלוט פון דעספאטיזם, פליסט אין דיא אדערען פון דעם יעהריגען הערשער מיט זיינע מיטהעלפער, און איבער דעם איז ביי זיי אויס־געלאשען, יעדער פונק פון מענשליכעס געפיהל, מיטלייד און גערעב־

טיקייט, זייערע אויערען זיינען פערשטעקט, און ווילען ניט הערען, דיא הארצרייסענדע געשרייען און יאממער־קלאגען, וועלכע גרייכען צו דער הויך פון הימעל, פון דיא פיעלע טויזענדע אונשולדיגע מענש־ליכע אָפפער, זייערע אויגען זיינען פערבלענדעט, און ווילען ניט זעהן, דאָס בלוט וואָס פליסט וויא וואסער, פון אונשולדיגע מענשען, וואָס זייער פערברעכען בעשטעהט נור אין דעם, וואָס זיי ווילען אויך זיין מענשען, און ווילען ניט אנערקענען, נידערטרעכטיקייט פיר גערעכ־טיקייט, אז עס זאָל זיין א רעכט צו האנדלען מיט מענשען וויא מיט טיערע, אז מע זאָל זיי קויפען אונד פערקויפען, אונד אונטעריאָכען מיט פייער אונד שווערד.

אבער וואָס קימערט דאָס, דעם יעהריגען הערשער מיט זיינע מיטהעלפער, וואָס עס פליסט גרויסע שטראָמען מענשענס בלוט, ערגעץ וואו אין א ווייטען געגענד, אָדער דיא יאמער געשרעהען, פון דיא טויזענדע אלמנות אונד יתומים, וועלכע בלייבען איבער אין עלענד און אין נויטה, אבי ער מיט זיינע מיטהעלפער זיצען זיך רוהיג אין דעם גרעסטען אונד פראכטפאָללען פאלאסט, אונד פערברייגגען דיא צייט אין דיא גרעסטע פערגעניגען, ווייל דאפיר זאָרגט שוין דאָס פאָלק.

הגם מען קען ניט אוועק געהן פון אמת, אז זיי ארבייטען אויך שווער, אונד עס קען זיין אז זיי ארבייטען נאָך שווערער וויא דער פריסטער ביים דאווגען, דערפאר אָבער, האָבען זיי אויך וואקיישיאָן.

אָבער וועמעס שולד איז אין דעם? איז עס דען ניט דיא דומהייט אונד פערדאָרבענהייט דער מענשהייט זעלבסט? אך! דומע און פער־

דארבענע מענשען, ביז ווויא לאנג נאך וועט איהר זינקען, אין דעם שמוציגסטען זומפ פון דומהייט און פערדארבענהייט, אין וועלכען עס האבען נאך געזונקען אייערע אור אור עלטערען? אונד וויא לאנג נאך, וועט איהר געהן פערשטעלט אייערע אויגען, מיט דעם שווארצען טוך פון פערדארבענהייט, אז עס זאל ניעמאלס קאנען ער־שיינען אויף אייך, דיא ליכטיגע שיין פון ווארהייט און גערעכטיגקייט?

בעדיינקט אייך נור גוט, און בעטראכט אייערע אייגענע פער־דארבענהייט, וויא איהר זייט זעלבסטמערדער געגען זיך זעלבסט, ראכט זיך, דער מענשליכער קערפער איז איינער, ניט מעהר, נור וואס ער איז צוזאממען געשטעלט פון פיעלע פערשידענע גליעדער, און דאך אייניגען זיך ניט זיינע קערפער טהיילען, אונד איין האנד שלאגט דיא צווייטע, אונדביידע צוזאמען, נעהמען דאס מעסער, אונד שטעכען אריין אין מאגען, ווייל ער פאדערט מיט רעכט זיין צופריעדענהייט פון עסען.

אך איהר זעלבסטמערדער, בעדיינקט אייך נור גוט, אונד בעט־ראכט אייך, געגען וועמען בענוצט איהר אייערע מארד וואפען? איז דען דאס ניט געגען אייערע אייגענע קערפער זעלבסט? געגען אייערע ברידער, געגען אייערע פערוואנדטע, נאהענטע, פריינדע אונד גלויבענס־גענאסען, פון איין רעליגיאן, און געגען אללע מענשען, וואס דיא אללע טהיילען, שטעלען צוזאממען אונד בילדען דאס איינציגע מענשליכע קערפערשאפט, איז געגען זיי בענוצט איהר זיך מיט אייער מארד וואפען? און פאר וואס? זיינען זיי אפשר בעגאנגען א פערברעכען אין דער מענשהייט?

גיין! זייער פערברעכען בעשטעהט נור אין דעם, וואס זיי פאָר־דערען מיט רעכט זייער עסען, ד"ה זייער לוין פיר זייער שווערע ארבייט, אום זייערע פאמיליען זאָלען ניט הונגערען, איז געגען זיי בענוצט איהר זיך מיט אייערע מאָרד וואפען, צו אונטערדריקען און צו שטילען זייער הונגער אויף אימּמער אונד אימּמער. —

אונד געגען וועמען נאָך, בענוצט איהר אייערע מאָרד וואפען? געגען דיא מענשען פריינדע, וועלכע קעמפפען, מיט אללע זייערע קרעפ־טע, געגען טיראנייא אונד מערדערייא, צו בעפרייען זייערע מיט־מענשען, אז זיי זאָלען ניט זיין געדריקט, אונטער דער לאסט פון דער שווערע אונד אונערטרעגליכע לאפע, פאן דעם ווילדען בער, אז זיי זאָלען קענען פריי אויף אטעמען, איז געגען זיי, געגען דיעזע מענשען פריינדע, בענוצט איהר זיך מיט אייערע מאָרד וואפען? צו פער־שטיקען און פערניכטען זייער וואונש אויף אימּמער אונד אימּמער, אך שלעכטע, געדונגענע מערדער, געדונגענע צו זעלבסטמאָרד, אונד טאקע פיר אייער אייגענע געלד.

בעדיינקט אייך נור גוט, אונד ערקלעהרט אייך אליין, ווער צאָהלט אייך אייערע געהאלט? דיא רעגירונג, אונד וויא נעהמט דיא רעגירונג? ארבייט אפשר דיא רעגירונג, שווער אונד ביטער? אונד פון דעם שווער פערהאָרעוועטען געלד מיט בלוטיגען שוויס, צאָהלט זיא אייך אייער געהאלט? אבער גאָר ניט! דאָס איז נור, אייער איי־גענע געלד, וועלכעס דיא רעגירונגען זויגען פון אייך אונד אייערע ברידער דאָס לעטצטעס בלוט אויס, אונד מיט דעמזעלבען, בעלוינט זיא אייך, פיר אייערע מאָרד טהאטען, אונד בלוט פערגיסונגען.

איהר בעמערקט נור גוט, דיא נוטצעען, וואָס דיא רעגירונג ברײנ־גען אייך, זיי בענעהמען אייך, בערויבען אייך, אונד זוינגען דאָס לעטצטע בלוט אויס פון אייך, אונד וואו הין טהון זיי דאָס הין? זיי ספּענדען הונדערטע מיליאָנען, צו בויען פערגעניגען פּאַלאַסטען, פיר זייער צייט פערטרייב, אונד ספּענדען מיליאָנען, צו בילדען מאָרד וואפען, צו פערניכטען מיט זיי מענשען, אבער זיי וועלען ניט ספּענדען איין דאללאר צו בילדען מענשען, — הגם עס זיינען דאָ קינדער פון דער ארמע קלאַסע, וועלכע לעהרנען זייער פלייסיג, אונד פיעל בעסער פון דער רייכערער קלאַסע, אָבער וויל זייערע עלטערען זיינען ארם, אונד האָבען קיינע מיטלען, צו צאָהלען פיר זייערע קינ־דער, ווען זיי דארפען שוין איבערגעהען אין דיא העכערע שולען פון אוניווערזיטעט, איז דיעזע, וועט דיא רעגירונג ניט שטיצען, אונד ניט מיטהעלפען מיט קיינע געלד, אז זיי זאָלען קענען ערהאַלטען דאָס פאָלע בילדונג, אונד זיי מוזען ווערען אונטערבראָכען, פון זייער ווייטערע פאָלקאָמענע בילדונג.

גראדע וויא דער קאפּיטאן, וועלכער פיהרט דיא שיף מיט פּא־סאזשירען, מיט א גראדען וועג, און היט זיי פון יעדע געפאהר, אָדער ווען עס קומט אין רעכטען מיטען פון ים, דאָרט, וואו עס שוועבט דיא גרעסטע געפאהר, אונד דאָס הערץ פון יעדען פּאסאזשיר, פלאַ־טערט, אונד וואָלט שוין גערן געוועז צו צוקומען צום צווייטען ברעג פון דעם גרויסען ים, איז גראדע דאמאָלס פערלאָזט זיי דער קאפּיטאן, אונד פאָהרט זיך אליין אוועק, זאָ דעסגלייכען, איז דאָס בילדונג פון דער יוגענד, וועלכעס ביי דעם ריכטיגען מיטען פון זייער בילדונג,

ווען זייער הערץ שטרעבט, און איז נייגעריג איבערצוגעהען דעם גאנ־צען ים פון וויסענשאפט, און זייער וואונש איז צו ערדייכען זייער ציעל, פיר וועלכען, זיי האבען זיך יאהרען לאנג, געאפפערט אויף דעם אלטאר פון שטודיום. אונד גראדע דאמאלם ווערען זיי פלוצ־לונג אונטערבראכען — און ווענענס שולד איז אין דעם? איז עס דען ניט דיא דומהייט אונד פערדארבענהייט נור פון דער מענשהייט זעלבסט ?

אך! דומע אונד פערדארבענע נאציאנען, ביז וויא לאנג נאך, וועט איהר ניט קענען אויסגעפינען, איין היילמיטעל צו אייער בלוט פערגיפטונג, פון פערדארבענהייט, וועלכעס עס פליסט נאך אין איי־ערע אדערען צו דער געגענווארטיגער צייט, אונד וועלכעס עס איז א ירושה צו אייך, נאך פון אייערע אור אור עלטערען, דיא אמאליגע הערשער און פארשטעהער, און איבערהויפט דיא היילינע פריסטער.

א! דיעזע געפעהרליכע באנדיטען אין דער וועלט, וועלכע האבען געזונקען אין דער טיעף פון פערדארבענהייט, און האבען גענידערט צו דער לעצטער שטופפע פון נידערטרעכטיגקייט, וועלכע האבען פער־דארבען זייער אייגענעם רעליגיאן, און האבען זיא דורך געוויי־קט, אין א גאנצען ים פון אונשולדיגע מענשענס בלוט, און יעדעס ווארט פאן איהם, האבען זיי פערדונקעלט מיט דעם רויך, פון הונדערטע טויזענדע, אונשולדיגע מענשליכע בראנד־אפפער. —

אט דיעזע געפעהרליכסטע פרומע רויבער און וועלט מערדער, וועלכע האבען געהאלטען איממער נור אין איין מארדען, ברענען און רויבען, האבען זיך בענוטצט מיט דעם היילינען מאנטעל פון זייער

רעליגיאָן, אונטער וועלכען זיי זיינען בעגאנגען, דיא גרעסטע פערברע־
כען אין דער מענשהייט, אונד אללע נידערטרעכטיגסטע טהאטען,
האבען זיי פערבארגען אין דער דונקעלהייט, פון אונטער דיא פלינלען
דער הייליגער מוטער, און אונבערירטע בתולה.

זיי, דיא וועלט מערדער, און דיא פרומע פריסטער, האבען גע־
מאכט זייער רעליגיאָן, פאר דעם אלגעמיינעם שלאכט הויז, פון דער
גאנצער וועלט, אין וועלכען זיי האבען געשלאכטעט, פון פערשידענע
נאציאָנען, הונדערטע טויזענדע אונד פיעלע מיליאָנען אונשולדיגע
מענשען, פון וועלכע, די גרויסע שטראָמען פון זייער בלוט, און די טיי־
כען פון זייערע טרערען פליסען נאך יעצט אין דער לאנגע און גרויסע
שטרעקע פון דער בלוטיגער היסטאָריע און אונמענשליכע וועלט גע־
שיכטע. (דאס אייגענטהום פון די ערמאָרדעטע, האבען די פרומע באנדי־
טען, און וועלט מערדער, גערויבט פיר זיך זעלבסט, נור אום צו פערדעקען
דיא פערברעכערשע טהאטען, האבען זיי דיא רויבערייען פערבאָרגען
אין דיא געבעט הייזער פון גאָטעס זוהן, און האבען געמאכט זיינע
הייליגע קירכען פיר מאגאזינען דאָרט אָבצולייגען זייערע מאָרד רויי־
בערייען, דאס הייסט: זיי האבען דאס קאָנפעסקירט פיר דער קירכע).

מיט איין וואָרט, זיי אליין האבען אזוי פיעל פעראונרייניגט
און פערשמוצט זייער רעליגיאָן, אין אונשולדיגעם מענשען בלוט, אז
ניעמאלס און ניעמאלס קענן ער זיך ריין אויסוואשען.

ווער וואָלט עס געגלויבט וואס דיא הייליגע ספרים שרייבען?
און וואס מיר האבען געהערט, מונדליך דערצעהלען פון אונזערע
עלטערן? וויא אזוי זיי האבען אונז פאָרגעשטעללט, דיא שרעקליכע

בילדער, און דיא גרוידזאמסטע ארט פון שטראפע וואס עס ווערט בעגאנגען מיט דעם מענשענס קערפער, נאך דער ענדע פון זיין לעבען, און וואס עס פאסירט מיט איהם, נאכהער אין דער אמת'ע וועלט, זיי האבען אונז געמאהלען דיא פיגור, מיט די שרעקליכסטע און בלוטיגסטע פארבען, מיט דיא ניעדערטרעכטיגסטע און ווילדעסטע טהאטען, וואס קענען ניעמאלס פאסירען ביי זיין לעבען, זיי האבען אונז פארגעשטעלט עפעס א מין „מלאכי חבלה" מיט א מין „כף הקלע" און „חבוד הקבר" און א פייער פון „גיא הינום".

„מלאכי חבלה" ד"ה פערדארבענע גאטס געשיקטע, מיט דיא גלענצענדיגע שארפע מעסער אין דיא הענד, און מע טהוט א האפ דעם טויטען קערפער, און מען שנייט איהם אויף דעם בויך, און מען רייסט ארויס פון איהם דיא לונג און לעבער, און מען ווארפט דעם קערפער פון איין עק וועלט צום צווייטען, און זיין געשריי גרייכט פון איין עק צום צווייטען, דאס איז ערשט „כף הקלע און חבוד הקבר", נאכהער, נעהמט מען דיעזען קערפער און מעברענט און מעבראט איהם אין דעם גרויסען העלישען פייער פון גיאהינום. —

אך מיין גאט! רעטע מיך! וואו בין איך דאס? אויף א וואסערע וועלט געפין איך זיך יעצט? צו איז דאס שוין דיא אמת'ע וועלט? וואו דו אליין גאטעס זוהן געפינסט זיך מיט דיינע מלאכי חבלה? צו בין איך נאך אין דער פאלשער וועלט? וואו עס געפינען זיך נור ריין פערטרעטער דער הייליגער פאבסט, מיט זיינע גרויזאמע גע-שיקטע, מלאכי זעם? —

מיינע קנעחעל קרימען זיך, מיינע קני בויגען זיך, אונד ווערען צוגאנגען וויא וואסער, מיינע האר אין קאפף שטעלען זיך קאפויער, א טוידט שרעק שוידערט מיין זעעלע, מיין גאנצען קערפער נעהמט אן קרעמפען און וועהען, וויא פון א געבערענדע, מיינע געדאנקען זיינען צוטומעלט, און איך בין אין גאנצען איבעררעשט, וויא פון א שרעקליכען און שמערצליכען טרוים, איך וויים ניט אויף וואס פאר א וועלט איך געפין זיך יעצט? אך מיין גאט! רעטע מיך, איך בין צוטומעלט איך בין בעטריבט, וואס הערען דאס מיינע אויערען, און וואס זעהען דאס מיינע אויגען.

אה דיעזע שרעקליכע בילדער וועלכע מיינע עלטערן, און דיא הייליגע ספרים, האבען זיי געצייכענט מיט דיא בלוטיגסטע פארבען, און האבען זיי פארגעשטעלט מיט דער גרוזאמסטער און נידער־טרעכטינסטער ארט פון שטראפע, זיי האבען געשילדערט דיא פיגור, מיט דיא פאלגען, פון דיא גאטס פערדארבענע געשיקטע מערדער. „מלאכי חבלה" אבער ערשט אויף נאך דעם טוידט פון דעם מענ־שען, דאמאלס ווערט בעגאנגען מיט זיין טוידטען קערפער, אזא נידערטרעכטיגער ארט פון שטראפע, ארער פאר זיין לעבען, איז ווער וואלט עס געגלויבט, אז דיא הענד פון גאטס פערדארבענע געשיקטע „מלאכי חבלה" זאל אויף איהם ענטדעקט ווערען?

און מיינע אויגען זעהען דאס גרעסטע שלאכט הויז פון דער גאנ־צער וועלט (דאס איז דער הייליגער טריבונאל אין רוים) און נאטעס זוהן פערטרעטער, דער הייליגער פאבסט, זיצט אויף א הויכע שטוהל, און זיין מאנטעל איז פערשפרייט איבער דעם גאנצען שלאכט הויז.

און אונטער דיא פאלעס פון זיין מאנטעל, שטעהען ברענענדיגע געשיקטע „שרפים“ און אלע גרויזאמע מענשען מערדער „מלאכי זעם“, און מיינע אויערען הערען, וויא א בעפעהל איז געגעבען געווארען, צו זיינע גרויזאמע געשיקטע „מלאכי זעם“, געהט און מערדערט, רויבט און ברענט, פערניכטעט אלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער, קיין רחמנות, קיין מיטלייד, איהר זאלט ניט שוינען קיינע טרערען קיינע בלוט פערגיסונג, אונד זייער אייגענטהום זאלט איהר צונעהמען און פערבארנען דאס אין מיינע הייליגע קירכען, (קאנפיסקירען) און איהר זאלט איבערגעבען דיעזע זינדיגע מענשען צו שטראפע פון הובד הקבר און כף הקלע, און נאכהער איבערלייטערען זייערע זינדיגע קערפער, אין גרויסען פייער פון גיאהינום.

באלד האבען זיך פערשפרייט, דיא שווארצע שאטענס פון אונ־מענשליכע געשטאלטען, און בלוט דורשטיגע טיגערס, איינגעהילט זייערע געזיכטער, מיט דעם הייליגען מאנטעל, פון גאטעס זאהן'ס פערטרעטער, און מיט דיא הייליגע בילדער, פון דיא דריי איינינקייט, אויף זייערע הערצער, און מעהאט באלד אנגעהויבען ארויס ציהען דיא לעבעדיגע מענשליכע סקעלעטען, פון זייערע אונטער אירדישע קברים, אין וועלכע, זיי זיינען געווען בעגראבען א לענגערע צייט לעבעדיגערהייט, און וועלכע עס איז שוין אויסגעטריקענט זייער פלייש, אויסגעדארט און אויסשעגרימפען זייערע אנגעזיכטער, אז עס איז שוין אונמעגליך צו דערקענען, אז דאס איז ווען עס איז געווען א מענש־ליכער קערפער, און דיא גרויזאמע מענשען מערדער פון גאטעס זוהן פערטרעטער „מלאכי זעם“ יעדער איינער מיט זיין פערניכטונגס מא־

שין אין דער האנד, האבען א באס געטהון דיא אונגליקליכע אונד אונשולדיגע מענשליכע סקעלעטען, און האבען זיי אנגעהויבען מיט זייער „כף הקלע" צו ווארפען אין דיא פאלטער מאשינען. —

עס האבען אנגעהויבען צו קראכען דיא ביינער, פון אונטער דיא שרייבען, פון דיא פאלטער מאשינען, און דאס בלוט האט אנגעהויבען צו פליסען אין גרויסע שטראמען, וועלכע האבען פערפלייצט דאס גרויסע שלאכט הויז, און דיא טרערען אין מעכטיגע טייכען, דיא שרעקליכע יאמער געשרעהען, פון דיא אונשולדיגע מענשליכע סקעלעטען, האבען בעגלייכט, ניט נור פון איין עק וועלט צום צווייטען, נור אויך, צו דיא הויך פון דעם זיבעטען הימעל, און נאכהער, האט מען גענומען זייערע קערפער אונד פערברענט אויף דעם גרויסען העלישען פייער פון שייטערהאפען, — אך! וויא געריהרט בין איך געווארען, פון דיא שרעקליכע קרעכצען, און שמערצליכע זיפצען, וואס האבען זיך ארויסגעריסען שוין מיט דיא לעטצטע קרעפטען פון לעבען, פון דער טיעף פון הערצען פון דיא אונשולדיגע מענשליכע בראנד אפפער, דיא שווערע זיפצען און נידערגעשלאגענע קרעכצען, וועלכע, האבען זיך שוין קוים נור וואס געהערט, און וועלכע האבען שוין בעצייכנעט, זייערע לעצטע מינוטען ביי וועלכע עס האט זיך געענדיגט דער לעצטער אטעמצוג און דער לעצטער פונק פון לעבען איז אויסגעלאשען געווארען, בין איך וויא פון בליטץ געטראפען געווארען, מיינע בלוטען זיינען פערגליווערט, מיין הארץ פערשטיינערט, מיין קערפער איז געלעהמט און פאראליזירט, מיינע געראנקען זיינען צוטומעלט און צומישט, און פון דער טיעף פון מיין הארצען האב א געשריי געטהון,

אך מיין גאט! רעטע מיך! נאטעס זוהן בעשיטצע מיך! איך בין פער־לארען, דאס שרעקליכע בילד וואס מיינע עלטערן און דיא הייליגע ספרים האבען מיר פארגעשטעלט אויף נאך דעם טוידט פון מענשען, זעהען מיינע אויגען נאר ביי לעבעדיגע מענשען. און גאטס פערדארבע־נע געשיקטע מערדער, „מלאכי חבלה“ שטעהען פיר מיינע אויגען, און דיא שרעקליכע יאמער געשרייען, פעראורזאכט מיט פיעל מעהר טראגישע פאלגען פון דיא גאטס פערדארבענע געשיקטע מלאכי חבלה, הערען מיינע אויערען, און דאס גרויסע פייער, וואו מע בראט און מע ברענט דיא אונשולדיגע מענשליכע אפפער, זעה איך נאר פיר מיין לעבען.

איך וויים נים וואו בין איך יעצט? אויף א וואסער א וועלט געפין איך מעך יעצט? מיינע געדאנקען זיינען צוטומעלט און צו מישט, איך קען זיך קיין ראטה געבען, און קען זיך נים ערקלעהרען אויף וואסער א וועלט איך געפין מיך יעצט? —.

אה! הייליגער גייסט, גאטעס זוהן, בעהיטע מיך בעשיטצע מיך, אין דעם שאטען פון דיינע פליגלען, פערזיכער מיך אין פעסטונג פון דיין וואהרהייט, — אבער וואו געפינט מען דיין וואהרהייט? אין א וואסער א וועלט קען מען זיא אויסגעפינען, אז אין דער אמת'ר וועלט, וואו דו אליין רעגירסט, איז אויף דיין בעפעהל, ווערט בעגאנגען אללע נידערטרעכטיגע טהאטען, און דיא גרויזאמע מערדערייען, פון דיינע פערדארבענע געשיקטע, מלאכי חבלה.

און אויב אין דער פאלשער וועלט, וואו דיין פערטרעטער און אויסערוועהלטער, דער הייליגער פאבסט, וואס ער בעקעהרט דיא

וועלט צו דיין הייליגען רעליגיאן, און דיינע פרומע פריסטער־ריכ־מער, וועלכע בעטרעטען אויף דעם גרונד פון ווארהייט און גערעכ־טיגקייט דעם באדען פון דעם הייליגען שלאכט הויז, טריבונאל? — האבען זיי שוין פערפלייצט דיא גאנצע וועלט, מיט אונשולדיגע מענשענם בלוט, און די גרויסע שטראמען בלוט און טרערען פון די ער־מארדערטע, גערויבטע אונד בעטריבטע זיינען פולל איבעראלל. —

אך! הייליגער גייסט, גאטעס זוהן, ווען דוא קערסט צוריק און קוםסט ארונטער אויף דיעזע זינדיגע וועלט, איז וואלסטו שוין אליין, אויך ניט דערקענט דיין הייליגען רעליגיאן, וועלכען דיינע הייליגע האבען איהם שוין פעראונרייניגט, און פערשמוצט אין אונשולדיגעם מענשענם בלוט, און יעדערער ווארט פון איהם, האבען זיי אזוי פער־דונקעלט, און פערפינסטערט, מיט דעם רויך פון דיא הונדערטע טויזענדע אונשולדיגע מענשליכע בראנד אפפער, אז דו אליין הייליגער גייסט, וועסט איהם בשום אופן ניט קענען דערקענען.

אבער ווען קען דאם זיין אז עס זאל עקזיסטירען אויף דער וועלט ווארהייטען, גערעכטיגקייט? איך דיינק אז עס קען אנדערש ניט זיין, נור דאמאלס, ווען דו גאטעס זוהן וועסט קערען צוריק, און וועסט אליין ארונטערקומען אין דיעזע זינדיגע און שענדליכע וועלט.—

אך! דומע נאציאנען! פערדארבענע אונד אונוויסענדע פעלקער! עס איז נאך וועניג פיר אייך, וואס איהר האט אזוי פעראונרייניגט און פערשמוצט אייער אייגענעם רעליגיאן, און האט איהם דורך געוועקט, אין א גאנצען ים, פון אונשולדיגעם מענשען בלוט, און צו אללע אייערע מערדערייען און רויבערייען, האט איהר איהם אויסגע־

נוצט, פיר א ווערקצייג מיט וועלכען, איהר זייט בעגאנגען אללע אייערע פערברעכערישע שאנד טהאטען אין דער וועלט, אלעם אין נאמען דעם הייליגען רעליגיאן פון גאטעס זוהן, איז דאם אייך נאך וועניג, און דערמיט קענט איהר זיך נאך ניט בעניגען, און צופריעדען שטעלען, אייערע בלוטדורשטיגע לײדענשאפטען צו בלוט פערגיסונג, צו מארדען און רויבען אונשולדיגע מענשען? זוכט איהר נאך מיטלען וויא ארום צו פערשמוצען אין מענשען בלוט א רעליגיאן וואס איז ר יי ן ווי ר יי ן ג א ל ד, און איז א וואהרער בריליאנט וואס קיין פלעק פון בלוט איז אין איהם ניט פערהאנדען, ווייל אללע זיינע געזעטצע זיינען איינשטימיג מיט דעם פערשטאנד און דאם איז ג א ט.

און ניט נור וואס פון מענשען בלוט, איז אין דיעזער ריינער רעליגיאן, ניט פערהאנדען, זאנדערן אפילו פון טהיריש בלוט, איז אין איהם אויך ניט פאראנען, ווייל זיא פערבאט אפילו מיט טהיריש בלוט זיך צו בענוטצען, און ניט נור דאם צו עסען, נור אפילו צו מאכען דערפון א געברויך אין געלד, איז דאם אויך פערבאטען, ווייל דאם איז אסור בהנאה, און מען דארף דאם אויסגיסען אויף דער ערד וויא וואסער.

ז.

## קרבנות (שלאכט אפפער)

אז נאט, (דאם הייסט פערשטאנד) האסט און פעראכטעט מענ־ שען בלוט, און עס מאכט ניט קיין אונטערשיעד, פון ראסען, און

פון וואָס פאר א גלויבען עס זאָל ניט זיין, אפילו פון א היידע, איז דאָס איבערצייגט אין גאנץ תנ"ך איבעראל; און אז גאָט ד"ה פערשטאנד, גלייכט ניט אפילו דיא וואפען וואָס מע שלאכטעט מיט זיי, איז דאָס אויך איבערצייגט פון „תורת משה" ער זאָגט: „ואם מזבח אבנים תעשה לי לא תבנה אתהן גזית, כי חרבך הנפתה עליהן" ד"ה אז דו וועסט בויען איין אלטאר פון שטיינער, זאָלסטו זיך ניט בענוצען מיט קיינע אייזען ווערק, ווייל דו האָסט אויפגעהויבען איין שווערד איבער זיי, און גאָט פערשטאנד גלייכט ניט קיינע מאָרד וואפען.

און אז גאָט, (פערשטאנד) גלייכט ניט קיינע בלוט פערגיסונג, און אונטערשיידעט ניט פון ראסען, זעהען מיר: אז דוד המלך האָט געוואָלט בויען דעם טעמפעל, האָט גאָט געשיקט צו איהם דעם נביא, זאָגען, אז ניט ער וועט בויען דעם טעמפעל, ווייל זיינע הענד זיינען פערשמוצט אין מענשען בלוט, הגם דאָס איז געווען בלוט פון דיא היידען, און אין ספר ישעיו זאָגט ער: „גם כי תרבו תפילה איננו שומע, ידיכם דמים מלאו" ד"ה ווען אפילו איהר בעט צו פיעל, וועל איך אויך ניט הערען, ווייל אייערע הענד זיינען פערשמירט אין מענשען בלוט.

נאָך מעהר בעווייזע, איז, אז גאָט(פערשטאנד) גלייכט ניט קיינ מענשען בלוט, אז מע זאָל פערגיסען אונשולדיגעם מענשען בלוט אין נאָמען פון גאָט, אז מע זאָל איהם, מיט דיעזע אָפפער צופריעדען שטעלען, זאָ וויא זיי פלעגען דאָס טהון, פיר וויערע געטצען, ווען זיי פלעגען שלאכטען און ברענגען זייערע אייגענע קינדער אלס קרבנות

צו זייערע געטטער, גאָט (פערשטאנד) האָט געמוזט דאָס אומבייטען אויף טהירישע קערפער. און ניט ווייל גאָט (פערשטאנד) פאָדערט שלאכט אָפפער, אז מע זאָל איהם מיט דיעזע אָפפער צופריעדען שטעלען, און דאמיט אָפ ווישען זיין גרים צאָרען פון דיא זינדיגע מענשען, דאָס איז דום און נאריש.

אָדער מיט דעם גערויך פון דיא קטורת, זאָל מען קענען צוריק האלטען דאָס פערניכטונג פון דיא זינדיגע מענשען, אין דער צייט ווען דער גרויזאמער מענשען מערדער „מלאך המשחית" מיט זיינע פערניכטונגס וואפען אין האנד, מאָרדעט און פערניכטעט טויזענדע קערפער פון זינדיגע מענשען.

ניין! דאָס איז ניט מעהר ווייל דיא דאמאלסדיגע מאססע איז געוועזען געזונקען צו דער ניעדעריגסטע שטופע פון געטצען דיענסט, האָבען זיי ניט געהאט קיין מיטלייד אפילו מיט זייער איין־און־איינ־ציגע קינדער און פלעגען זיי ברייגגען פיר בראנד אָפפער צו זייערע געטטער, און עס איז אונמעגליך געוועזען דיא ווילדע מאססע אין איין מאָל צוריק האלטען פון איהרע פערדערבליכע און שענדליכע טהאטען, האָט גאָט (פערשטאנד) געמוזט אומבייטען דיעזע מענשליכע אָפפער לכל הפחות אויף טהירישע אָפפער, אָבער ניט ווייל גאָט (פערשטאנד) גלייכט דעם גערויך פון איין איבערגעברענטען אָכס, און קוויקען זיך מיט דעם געשמאק פון דיא קטורת.

דאָס איז דיא גרעסטע דומהייט, ניט נור צו גלויבען אין אזא דומהייט, נור אפילו צו זאָגען אזא דומהייט, און אלעס וואָס עס איז געגען פערשטאנד, איז דאָס דאגעגען גאָט, ווייל דיא גאנצע געטליכע

קראפט בעשטעהט נור אין איהר אונענדליכען פערשטאנד, און פער־
שטאנד קענן ניט גלייכען קיינע דומהייטען, וועלכע זיינען געגען
פערשטאנד.

דאס זעלבע מיינונג האבען אונז געגעבען צו מערקען אללע
פראפעטען (נביאים) דער פראפעט ישעיו זאגט: „למה לי רוב זבחכם
יאמר ד׳" ד"ה וואס טויג מיר אייערע פיעלע שלאכט אפפער, ,זאגט
גאט" „לא תוסיפו הביא מנחת שוא, קטורת תועבה היא לי" ד"ה
איהר זאלט מעהר ניט ברייננגען קיינע שלאכט אפפער, דער גערוך
פון אייערע קטורת איז ניכטס ווירדיג ביי מיר, וייל דיא קטורת
זיינען ניט מעהר, נור איין מערקונג פיר אייך זעלבסט, אז איהר זאלט
זיין אויפמערקזאם אויף אייער עקזיסטעניץ אז איהר זאלט קענען
עקזעסטירען, און דאס איז נור דורך פעראייניגונג, ווען איהר וועט
זיין אללע אין איין באנד פעראייניגט, אהנע אונטערשיעד, פון ארם
צו רייך, פון דעם וויסענשאפטליכען צו דעם אונוויסענדען, פון דעם
שטארקען צו דעם שוואכען, ד"ה: אז עס זאל ניט דריקען און קוועלען,
דער רייכער דעם ארמען, און דער שטארקער זאל ניט הערשען און
אונטעריאכען צו זיין לאסט דעם שוואכערען, און עס זאלען ניט זיין
קיינע יחסנים, זא וויא דיא קטורת זיינען פעראייניגט אין איין באנד,
און עס מאכט ניט קיין אונטערשיעד, פון דיא געווירצען וואס האָ־
בען דעם בעסטען גערוך, צו דיא חלבנה, וואס האט דעם ערגסטען
גערוך, איז דאמאלס, ווען איהר וועט זיין זא פעראייניגט, וויא דיא
קטורת, וועט איהר האבען דיא פאלע קראפט און מאכט, און ניעמאלס

וועט איהר דארפען מורא האבען פיר א גרויזאמען מענשען מערדער, „מלאך המשחית" זאל איך קענען בעזיגען.

אבער קוים איהר אליין צושטערט אייער פערבאנד און איהר אליין פערניכטעט דעם פונדאמענט, אויף וועלכען, עס בעשטעהט אייער עקזיסטענץ, — איהר אליין מערדערט און רויבט איינער דעם צווייטען, דער רייכער הערשט איבער דעם ארימען, און דער שטארקער אונטערדריקט צו זיין לאסט דעם שוואכען, און דאמאלס אז איהר ברייננט פיר מיר קטורת, זיינען זיי ביי מיר ניכטס־ווירדיג, ווייל פערשטאנד (גאט) האט דער מיט גאר ניכטס וואס צו טהון.

שמואל הנביא האט געזאגט: „החפץ לד' בעולות וזבחים?, כשמע בקול ד', הנה טוב מזבח, להקשיב, טוב מחלב אילים" ד"ה וויל דען גאט האבען בראנד אפפער און שלאכט אפפער? מע זאל בעסער צו הערען, וואס גאט, (פערשטאנד) פאדערט פון מענשען צו טהון, דאס איז ביי איהם בעסער פון שלאכט אפפער, מען זאל פערנעמען זיינע רייד, איז ביי איהם בעסער פון דיא פעטס פון באר־ריניס.

דער פראפעט ירמיו זאגט: „כה אמר ד' צבאות אלהי ישראל, עולותיכם ספו על זבחיכם ואכלו בשר, כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על עולה וזבח" ד"ה אזוי זאגט גאט צו דיא אידען, — אייערע בראנד אפפער וועלכע בעלאנגען צו מיר, מעגט איהר זיי צו לעגען צו אייערע שלאכט אפפער, און עסען זייער פלייש, ווייל איך האב גאר ניט גערעדט מיט אייערע

עלטערן וועגען קרבנות, און האָב זיי ניט אנגעזאָגט, ווען איך האָב זיי ארויסגעצויגען פון לאנד מצרים, אז זיי זאָלען מיר בריינגען בראנד אָפּפער, און שלאכט אָפּפער. —

מיר מוזען זיך א ווײלע אָפּשטעלען, און געבען א ריכטיגע ערקלעהרונג, אין דעם מיינונג פון דעם נביא — ווייל מיר ווייסען אז עס קען ניט זיין, אז א נביא זאָל זיין דאגעגען תורת משה, און אין פאל ווען ער זאָל יא זיין דעגעגען תורת משה,, איז היסט עס א פאלשער נביא, און סע קומט איהם הרג'ענען, היינט אז משה רבנו דער צעהלט א גאנצען ספר פון תורת כהנים מיט קרבנות, איז קען ניט זיין אז דער נביא ירמיו זאָל זיין דאגעגען, נור אז מיר קוקען זיך גוט איין אין דער אידישער היסטאָריע, געפינען מיר מאנכע מאָל אז דער היסטאָריקער פערקורצט זיין ערצעהלונג, און פערלאָזט זיך אויף דעם וואָס ער איז אזוי אויך וויסענד, צ"בש: וויא מיר געפינען אין תורת משה „לכן כל הורג קין" איז ווער עס וועט הרג'ענען קין, זאָגט ער ניט וואָס דיא שטראפע דאפיר וועט זיין, ווייל דאָס איז וויסענד, אז דער מערדער וועט הארט בעשטראפט ווערען, דאָס זעלבע איז: „לכן כל הורג יבומי" ווער עס וועט הרג'ענען איין יבומי, איז זאָגט ער ניט דעם לוין, ווייל עס איז אזוי אויך וויסענד אז ער וועט גוט בעלויהנט ווערען.

דאָס זעלבע איז דאָ אויך ביי דעם נביא ירמיו, ער פערקירצט זיין ערצעהלונג, און פערלאָזט זיך אויף דעם, וואָס דיא אורזאכע איז אזוי אויך וויסענד יעדען איינעם, ווייל יעדער איינער ווייסט, וז א טיעף נעזונקען, עס זיינען געווען, דיא דאמאָלסדיגע מאססע, אין דעם

שמוטציגען זומפף פון געטצען דיענסט, אז זיי פלעגען שלאכטען און ברענען זייערע איין־און־איינציגע קינדער, צו זייערע געטצען, און וועלכעס, מיר זעהען נאך יעצט צו דער געגענוואַרטיגער צייט, אז דיא אפריקאנער שבטים, שלאכטען נאך יעצט אויך, מענשליכע אָפּ־פער פיר זייערע געטטער, און איבער דעם, פערקירצט דער נביא זיין ערצעהלט מיט דער אורזאכע, וואָס עס איז יעדען איינעם אזוי אויך וויסענד, און זיין מיינונג אין דיעזער ערצעהלונג איז אזוי, — „כי לא דברתי את אבותיכם, ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על עולה וזבח“, מיינט ער אזוי: איך וואָלט גאָר ניט געוועז געהרעדט מיט אייערע עלטערען וועגען קרבנות, און איך וואָלט זיי ניעמאלס אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען ברייגען פיר מיר בראנד אָפּפער, און שלאכט אָפּפער, וויל, גאָט (פערשטאנד) האָט גאָר ניכט וואָס צו טהון מיט אזיינע דומהייטען, אבער איך האָב דאָס געמוזט טהון, איבער זייער פערדאָרבענהייט, אונד אומבייטען אמווייניגסטען, אויף טהירישע קערפער, אז מע זאָל זיי ברייגען פאר אָפּפער, אנשטאָט מענשליכע, און אָט דיעזע אורזאכע, פאר וואָס גאָט האָט געהייסען ברייגען קרבנות, איז פערקערצט דער נביא, ווייל עס איז יעדען איינעם אזוי אויך וויסענד.

און וויא קען איך גאָר זאָגען אזא דומהייט? אז פערשטאנד זאָל פאָדערען פיר זיך זעלבסט איין עקסטרא צופרידענהייט, מיט וואָס קען דער מענש צופרידען שטעלען פערשטאנד? און וואָס קען פער־שטאנד, פאָדערען פון דעם מענשען א צופרידענהייט פיר זיך זעלבסט? — אלעס וואָס דער מענש קען טהון פיר דעם פערשטאנד, און וואָס

פערשטאנד פאָדערט פון דעם מענשען, א צופרידענהייט, איז: אז דער מענש זאָל היטען טאקע נור זיין אייגענע עקזיסטענץ, אז ער זאָל קענען עקזיסטירען, זאָל עס ניט זיין פערדאָרבען אין דער מענש־הייט, און טהון אלעס וואָס גוטעס איז. און אויסמיידען שלעכטעס, דאָס איז דאָס צופרידענהייט פאן גאָט, (פערשטאנד).

דאָס זעלבע מיינונג האָט אונז געגעבען צו מערקען דער פראָפעט מיכה, ער זאָגט: „במה אקדם ד׳״*) מיט וואָס קען איך בעעהרען דאָס געטליכע פערשטאנד? ובמה אכף לאלהי מרום? און מיט וואָס קען איך צייגען איין אונטערטענונג צו דער העכסטער קראפט? האקדמנו בעולות? בעגלים בני שנה? באלפי צאן? ברבבות נחלי שמן? ד״ה צו קען איך איהם צופריערען שטעלען מיט בראנד אָפפער פון יעהריגע קעלבער? אָדער מיט שלאכט אָפפער פון טויזענדער שאפפע? אָדער מיט נסכים פון צעהנדליגע טויזענדע טייכען מיט בוימעל? ״האתן בכרי פשעי? פרי בטני חטאת נפשי״? ד״ה צו קען איך איהם געבען מיין עלטעסטען זוהן פיר מיין פערדאָרבענהייט? אָדער אזוי א קינד מיינס פיר דעם פערברעכען פון מיין זעעלע? ד״ה איך זאָל איהם קענען צופרידען שטעלען מיט דיעזע אָפפער, ״הגיד לך אדם מה

---

*) דער נאָמען ד׳ צייגט איבעראל אויף דעם ריינעם געטליכען פערשטאנד, וואָס עס איז עוויגקייט, אונד אונענדליך, און דער נאָמען אלהים, צייגט, אויף פערשיעדענע קרעפטען, הן גייסטיגע עיונים, רוחנים, הן מאטעריאלע, גשמים וואָס דאָס פערשטאנד בענוטצט זיך מיט זיי.

טוב" אָה! דו מענש! מע האָט דאָך דיר געזאָגט וואָס גוטעס איז, „ומה ד' דורש ממך" און וואָס פערשטאנד פאָדערט פון דיר: „כי אם עשות משפט וצדקה, ואהבת חסד, והצנע לכת עם אלהיך" אַז דו זאָלסט ריכטען נאָך דער ווארהייט, און ליעבען גנאדע, און זאָלסט זיך בעגעהען אָרענטליך מיט דיינע קרעפטען, דו זאָלסט זיי ניט בענוטצען אויף שלעכטעס נור אויף גוטעס.

דער נביא הושע, זאָגט: „כי חסד חפצתי, ודעת אלהים מעולות" ד"ה איך גלייך בעסער גנאדע, און ניט קיין שלאכט אָפפער, מע זאָל מיטלייד האָבען אפילו אויף מהירישע קערפער, און ניט שלאכטען פיר דומהייט, און צו פערשטעהן דיא געטליכע קרעפטען, איז בעסער פון בראנד אָפפער, ווייל דער מענש וואָס האָט פערשטאנד פערשטעהט אז פערשטאנד קען ניט הארמאָנירען מיט דומהייט, פאלט שוין ממילא אראָפּ בראנד אָפפער.

## ח.

## עלילת דם

ווען מיר זאָלען שוין יא זיין אזוי דום און נאריש און גלויבען אז דער גרויסער גאָט, וואָס איז גרעסער פון אלעס, וואָס מיר זעהן, פאָדערט יא פיר זיך א דינגער פון איין איבערגעבערענטען אָכס, און א פערבייסונג צימעס פון קטורת, מוזען מיר זיך אבער אויך צוגעבען אז ניט דער גרוך פון איין איבערגעבערענטען אָכס מיט דעם נעשמאָק פון קטורת צימעס, זאָל קענען שטילען דעם הונגער פון אזא אוננער-היירע מאססע, און ווען אפילו, מען זאָל פערברענען, טויזענד מיליי-

יאַנען וועלטען מיט אללע אַכטען, און מיט אללע צוויי פיסיגע אַכטען, וואָלט דאָס אויך ניט געקענט זעטען דעם הונגער פון אזא אונגעהיירע קראפט.

און מיר מוזען צוגעבען דאָס אויך, אז גאָט, פערבאָט צו ברייגגען א קרבן פון א טרפה מין, און א מענש איז געווים א טרפה מין, ובפרט נאָך ניט קיין בעשניטענער. —

אלזאָ! פון וואנען, האָבען דאָס גענומען, דיא דומע און פער־דאָרבענע נאציאָנען, אזא פאלשע מיינונג, צו בעשולדיגען אידען, אין פערגיסען אונשולדיגע מענשען בלוט, פיר א רעליגיעזען צוועק? אויף א וואָסער א גרונד קענען זיי דאָס בעפעסטיגען? אז מיר זעהען אין גאנץ ת"נ"ך, דאגעגען דעם.

אָבער ניט נור דאָס איז דיא איינציגע דומהייט אין וועלכען זיי גלויבען, און וועלכעס עס ברייגגט זיי נוטצען, אז דורך דעם זאָלען זיי האָבען דאָס מעגליכקייט צו מאָרדען און רויבען אידען, זאָנדערן אללע גרעסטע דומהייטען, מיט וועלכע זיי קענען זיך נור בענוטצען, אויסצופיהרען מיט זיי, אללע זייערע פערברעכערישע טהאטען, איז אין דעם גלויבען זיי.

זאָ וויא זיי גלויבען, יעזוס קריסטוס, האָט מיט זיינע ליידען אונד מאטערנישען, אָפגערייניגט דיא זינד פון אללע מענשען, וואָס וועלען עקזיסטירען, און אז דער מערדער וואָס הרג'עט א מענשען איז זיך מודה פיר דעם פריסטער, איז איהם, יעזוס, מוחל זיין פער־ברעכען, אך! וויא דום אונד נאריש דאָס איז גאָר צו זאָגען, ובפרט צו גלויבען.

א בעווייז צו דעם האַבען זיי פערקריפּעלט א קאַפּיטעל אין ישעיו, נ"ג „מי האמין לשמעתנו" וועלכעס דיא גראַבע יונגען (דיא מיססי־אָנערען) שטעלען דאַס פיר א סיין, וועלכעס צייגט זייער דומהייט אונד אונוויסענהייט, אין דער העברעאישער שפּראכע, אז זיי האַבען ניט קיין געפיהל אין איהר משל ומליצה און חידה, און ווייסען גאַר ניט, און פערשטעהען ניט איהר מיינונג, און האַבען איבערזעטצט דאַס קאַפּיטעל אין ישעיו נאָך זייער דומהייט, וועלכעס, עס איז נעגען גאָטהייט, ד"ה געגען דעם פערשטאַנד.

אונד ווען איך זאָל זאָגען דאַס מיינונג פון פּראָפעט ישעיו, זאָ וויא זיי געבען איבער, דאן וואָלט דאַס געווען, דאַס גרעסטע נידערטרעכטיגקייט, אין דער גאָטהייט, אָדער בעססער געזאָגט, דיא גרעסטע דומהייט אין דעם פערשטאַנד, אז איך זאָל זאָגען, אז פער־שטאַנד (גאָט) פערשטעהט אזוי, אז אן אונשולדיגער זאָל קענען ליידען פאַר א שולדיגען, און זיינע ליידען זאָלען אָפּוואַשען דעם פערברעכען פון דעם שולדיגען.

אונד אויסער דעם וואָס איך קען ניט זאָגען אז דער פּראָפעט ישעיו, זאָל זיין א געגנער געגען דעם גרויסען מחוקק, משה רבנו, וועמעס רייד, זיינען אללע איינשטימיג מיט דעם פערשטאַנד, און אללע איבעריגע פּראָפעטען וואָס זיינען איינשטימינג מיט דעם זעלבען מיי־נונג פון דעם גרויסען מחוקק, משה רבנו, — איז אויסער דעם, קען איך אויך ניט זאָגען אז דער פּראָפעט ישעיו אליין זאָל גאָר זאָגען אזא דומהייט. —

משה רבנו זאגט: „כי הדם היא יחניף את הארץ, ולארץ לא יכפר לדם אשר שפך בה, כי אם בדם שפכו“ ד"ה אז בלוט פערגיסונג פערשמוציגט דיא ערד, און דיא ערד קען ניט גערייניגט ווערען פון דעם פערגאסענעם בלוט, נור מיט דעם בלוט וואס האט דאס פער־גאסען, און אפילו גאט אליין קען דאס ניט אפרייניגען, וויל קיינער קען ניט אפרייניגען דעם צווייטענס פערברעכען, נור דער פערבע־כער אליין מוס ציכטיגען מיט זיין בלוט זיין פערברעכען. איז קאן דאך גאט אליין אויך דאס ניט אפרייניגען, און איבער דעם זאגט ער „לא יומתו אבות על בנים, ובנים לא יומתו על אבות, איש בחטאו יומת, איש בעונו ימות“ ד"ה: אז עס דארף ניט ליידען א אונשול־דיגער פאטער, פיר זיין שולדיגען זוהן, אפילו ווען דער פאטער זאל וועלען ליידען פיר דעם שולד פון זיין זוהן, איז העלפט ניט זיינע ליידען ריין צו וואשען דעם זוהנס פערברעכען, און זא איז אויך פער קערט, ווען דער פאטער איז שולדיג דארף דער זוהן פיר איהם ניט ליידען וויל נור דער פערברעכער אליין מוז ליידען פיר זיין פער־ברעכען.

און הנם ער זאגט: „פוקד עון אבות על בנים, שלשים ועל רבעים“ ד"ה אז גאט דערמאנט דיא זינד פון דיא עלטערען צו דיא קינדער, ביז צים פירטען דור, מיינט ער ניט אז גאט שטראפט דיא קינדער, נור ער מיינט, אז גאט (פערשטאנד) מאכט פיהלען דיא ליידען און שאנדע פון א שלעכטען פאטער, א מערדער, וועלכער איז פעראורטהיילט צום טויט, איז זיין זוהן דער ארענטליכער, פיהלט דיא ליידען און שאנ־דע פון זיין פאטער, און האפיועלבע פיהלט אויך זיין זוהן און זיין

אייניקעל, אבער דאס איז נור ממלא, אבער ניט זיי זאלען עקסטרא בעשטראפט ווערען.

דאס זעלבע, האט אונז געגעבען צו ערקלעהרען, דער פראפעט יחזקאל, קאפיטעל י״א, ער זאגט: „מה לכם אתם משלים את המשל הזה על אדמת ישראל לאמר״ „אבות יאכלו בוסר ושני הבנים תקהינה״ ד״ה ביז וויא לאנג נאך ועט איהר געהען מיט דעם גאנג, אז דיא עלטערען עסען אונצייטיגע פרוכט, און ביי דיא קינדער ווערט הייליג דיא ציינער, ד״ה אז דיא קינדער לײדען פיר זייערע עלטערענס פערברעכען, — וויא וואהר איך לעב זאגט גאט, אז אללע זעעלען, זא וויא דעם פאטערס, זא איז דעם זוהן׳ס בעלאנגען צו מיר, אבער נור דיא זעעלע, וואס בעגעהט דעם פערברעכען, איז נור דיעזע מוז ליידען פיר דעם פערברעכען, אבר ניט קיין אנדערע.

און דער פראפעט זאגט וויטער, „נפש החטאת היא תמות, בן לא ישא בעון האב, ואב לא ישא בעון הבן, צדקת הצדיק עליו תהי, ורשעת הרשע עליו תהי״ ד״ה נור דיא זעעלע וואס זינדיגט דארף געטוידטעט ווערען, א זוהן דארף ניט ליידען פיר דעם פאטערס פער־ברעכען, און דער פאטער דארף ניט ליידען פון דעם זוהן׳ס פער־ברעכען, דער וואס טהוט גוטעס, העלפט עס נור פיר איהם זעלבסט, און דער וואס טהוט שלעכטעס, טהוט ער נור פיר זיך זעלבסט.

הײנט וויא קען איך זאגען אזא פאלשע מיינונג, און דעם פראַ־פעט ישעיו׳ס רייד? אז עס זאל ליידען, אײנער פיר דעם צווייטען, אדער איין נאציאן פיר דער צווייטער? וואס דאס איז געגען גאטהייט ד״ה נעגען פערשטאנד.

ט.

## אנמערקונג

דער לעזער וועלכער איז נור אפילו אביסעל בעקאנט אין ת"נ"ך, וועט פרעגען, סטייטש? אז עס איז אזוי איבערצייגט אין גאנץ ת"נ"ך, אז עס קען ניט, און דארף ניט ליידען, איינער פיר דעם צווייטען, אפילו א פאטער פיר א קינד און א קינד פיר א פאטער, טא פאר וואס זשע האט דוד המלך אוועק געגעבען פינף אייניקלעך, און צוויי זיהן, פון מלך שאול, צו דיא גבעונים, און זיי האבען זיי אויפגעהאנגען, און גאט איז מיט דעם מארד צופרידען געוועזן? היתכן? הישמע כזאת? השופט כל הארץ, יעשה משפט בלא צדק?, וואס זיינען שולדיג געוועזן דיא פינף אייניקלעך, וועלכע זיינען געבאורען געווארען שוין נאך זייער זיידענס טוידט, און האבען איהם אפילו ניט געקענט? אדער אפילו זיינע צוויי זיהן, וואס זיינען זיי שולדיג געוועזן.

שמו שמים על זאת, וויא נעהמט מען צו אללע קינדער ביי זייערע מוטערס און מע לאזט זיי ניט איבער אפילו צו איינע? און וויא איז דאס געהערט געווארען, אזא מערדעריי אז מע זאל לאזען הייננען געהאנגענע, אונטערען פרייען הימעל א האלב יאהר דורך אנאנד?.

און מה רעש? וואס טהוט זיך דא אזוינס? וועלכעס האט דאס אזוי צורייצט גאט? און געמאכט איהם ערגערען, אז ער האט בעשטראפט אללע אידען, מיט דריי יאהר הונגער, און אויפהייננען זיעבען אונשולדיגע קינדער? דער פאר וואס שמואל האט נע'הרג'עט

זיבען גבעונים, אי וואס ער האט גע'הרג'עט אכציג אידישע בחנים, דאס מאכט גאר ניט אויס.

נו! איז מה רעש? מיר זעהען דאכט זיך אז מע האט שוין איבער־גע'הרג'עט מילליאנען אידען מיט אלערליי מיתות משונות ואכזריות, אז מע האט געריסען שטיקער פלייש פון זיי, און זיי געברענט אויף געבראטען, און דאך קימערט עס גאט זעהר ווענינ, און עס ערגערט איהם ניט אזוי שטארק וויא פאר דיא זיבען גבעונים?

אבער אין דער ריכטינער ווארהייט איז האט דאס מערדעריי פון דיא זיבען קינדער, גאר נים וואס צו טהון מיט דעם שופט כל הארץ, דאס האט נור צו טהון מיט דער דומע מאססע, און מיט דעם ווילדען טיראן, דער נעים זמירות ישראל, וועלכער איז שוין אונז בעקאנט פון פריהער מיט דער געשיכטע פון בת שבע און אוריה החיתי.

אונד את דער נעים זמירות ישראל, איז בעגאנגען דעם שויי־דערליכען מארד פון דיא זיבען ארמע און אונשולדיגע קינדער, פיר וועלכע ער האט מורה געהאט אז זיי זאלען איהם ניט שטעהען אין וועג, אז עס זאל צו זיי ניט איבערגעהען דיא רעגירונג, און ער זאל זיין זיכער מיט זיין טהראן, האט ער זיך בענוטצט, מיט דער געלע־גענהייט, פון הונגער, און האט דערצעהלט דער דומע מאססע, וועלכע, האט געגלויבט אין אללע דומהייטען, אז ער האט גערעדט מיט גאט, וועגען דעם הונגער, און גאט האט איהם געזאגט, אז דאס איז איבער שאול'ן וויל ער האט גע'הרג'עט זיבען גבעונים, און דער זעלבער, האט גוט בעלייכט דיא גבעונים, אז זיי זאלען פאדערען נור דיא זיבען

ארמע און אונשולדיגע קינדער, בכדי זיי אפצוראמען פון וועג, און ער זאל זיין זיכער מיט זיין רעגיערונג.

ער האט דאס געטהון, גלייך וויא אללע פרומע מערדער, וועלכע, הילען איין זייערע מערדרייען, אין דעם היליגען מאנטעל פון זייער רעליגיאן, אדער זייער גאט.

איך האב פיעלע בעווייזע אז דאס איז דיא ריינע וואהרהייט, א בעוויז איז, אז ער זאגט נאכהער: „ויוסף אף ד׳ להרות בישראל(*) זאגט רש״י, ער ווייס ניט פאר וואס האט אזוי געברענט דער צארען פון גאט אויף דיא אידען, און ער האט אויסגעמערדערט פאן דער מאססע זיבעציג טויזענד מאנן, און דאס איז טאקע געווען דער צארען פון גאט אויף דער מאססע, פיר דער מערדעריי פון דיא זיבען אונשול־דיגע קינדער וויל אללע מערדערייען וואס ווערען בעגאנגען פון גאטס געקרוינטע מערדער ליגט דיא שולד נור אויף דער מאססע, וועלכע, גיבט איהם דיא פאלע קראפט און מאכט, צו טהון אלעס וואס ער וויל, אזוי וויא איך האב דאס צו פריהער ערקלערט.

און אויסער דעם שליעסט זיך ניט איין ווארט צו דעם צווייטען, און עס האט קיין זינען און קיין געשמאק ניט, אבער זיין מיינונג

---

*) דיא אויסשפראכע פון „ויוסף“ צייגט אז גאט איז נאך גע־ווען אין כעס אויף דוד׳ן פון פריהער, פאר דער געשיכטע פון בת שבע, אונד יעצט איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען פיר דעם מארד פון דיא זיבען קינדער, און ווען ער זאל מיינען אז גאט איז ערשט אין כעס געווארען, וואלט ער זאגען: ויחר אף ד׳.

איז גאָר אנדערש, ער רעדט פון דעם אידישען מארטירער, מיט דער געטליכער אינקוויזיציע, מיט דיא פרומע פריסטער מערדער, און דיא גרויסע אינקוויזיטאָרען, זאָ וויא איך גיבע דאָס איבער אין איין עקסטרא עקזעמפּלאר.

אבער וואָס קען העלפען דיא ריינע בעווייזע און ריכטיגע ער־קלעהרונגען פון דיא שוטצלאָזע שאפע, נעגען זייערע געגנער, הונ־געריגע וועלף, און בלוט דורשטיגע טיגערס, וועלכע, בעשולדיגען דיא שוטצלאָזע שאפף, אז זיי בעגעהען א פערברעכען פון מאָרד ביי זייערע קאמעראדען, דיא וועלף און טיגערס, און וויא פיעל דיא אונגליקליכע שוטצלאָזע שאפף זאָלען זיך ריין וואשען און איבערציי־גען זייער אונשולד, אז עס איז אונמעגליך, און עס קען ניט זיין אז זיי זאָלען בעגעהען אזא פערברעכען, און דאָך געפינען זייערע געגנער, דיא הונגעריגע וועלף, און בלוטדורשטיגע טיגערס א בעוויז, אז זיי זיינען יא שולדיג, דער מיט אליין וואָס זיי זיינען שוטצלאָזע שאפף, דאָס איז א גענויער בעוויז, אז זיי זיינען נעגעבען געוואָרען פאן גאָט, פיר אָפּפער צו דיעזע נאציאָנען, וואָס האָבען דיא קראפט פון וועלף און טיגערס, — אָבער מיר אידען דארפען שטאָלצירען מיט אונזער רעליגיאָן, מיט דיא ערהאבענע געזעטצע, פון דעם גרויסען געזעטץ געבער משה רבנו.

# ישעיה נ"ג

י.

## ישעיו, קאַפּיטאל נ"ג. (*

מי האמין לשמעתנו ווער וואָלט דאָס געגלויבט, ווען מיר זאָלען דאָס נור הערען דערצעהלען, און ניט זעהען מיט אונזערע אויגען זעלבסט, וזרוע ד' על מי נגלתה? און דיא קראַפט פון גאָט אויף וועמען איז זיא פּערטרויעט? אָבער מיר זעהען דאָס מיט אונזערע אויגען, ויעל כיונק לפניו, וכשורש מארץ ציה, און דער מארטירער איז הערויף געגאַנגען פון אונטער אירדישען קבר צו דעם מערדערישען געריכט הויז, האָט ער אויסגעזעהן אלס וויא א יונג קינד, ווייל ער איז איינגעטריקענט, פון מאַטערנישען, און האָט אויסגעזעהען פיעל קלענער, און וויא איין וואָרצעל וואָס וואקסט אין א וויסטעניש, און האָט ניט קיין שום שוטץ, אונד פערטריקענט און פערדאַרט, זאָ האָט אויסגעזעהן דער מארטירער, לא תואר ולא הדר ונראהו, ולא מראה ונחמדהו, קיין געשטאלט און קיין פיינקייט, פון קיין מענשען, אז מע זאָל איהם קענען אנזעהען, און ניט קיין געזיכט פון א מענשען, אז מע זאָל קענען האָבען לוסט צו איהם, ד"ה אז מע זאָל האָבען מיטלייד מיט איהם, נבזה וחדל

---

*) דאָס וועלען זאָגען דיא יעניגע פּריסטער, וועלכע וועלען זיך ארום זעהען, אין וואָס פאַר א שמוציגען זומפּ זיי זיינען געווען, אין זייער פּריסטערטהום, אין דער צייט, פון דער אינקוויזיציאָן, ביז „עבדי לרבים" וועלכעס, דאָס זאָגט שוין ־ער נביא, אין גאָטעס נאָמען.

אישים, איש מכאבות וידוע חלי, ער איז שענדליך און פערלאזען פאן מענשען, א מאנן פון פיעלע וועטיגען, און געוויסע מאטערניסען, וכמסתר פנים ממנו, נבזה ולא חשבנהו, און גלייך וויא עס וואלט געווען פערבארגען זיין געזיכט פון אונז, ווייל עס איז אונמעגליך צו דערקענען עס, ער איז אונווירדיג און מיר האבען קיין אכט צו איהם, אכן חלינו הוא נשא, ומכאבינו סבלם, אדער דאס איז נור אונזער קריינק וועלכע מיר האבען איהם פעראורזאכט, מיט אונזער פערדארבענעם ווילען, און ער מוז זיי טראגען, און דיא וועהטיגען, האבען מיר איהם פערשאפט, און ער מוז זיי ליידען, ואנחנו חשבנהו נגוע מכה אלהים ומענה, און מיר האבען גערעכענט אז דאס הייסט גאט, ער זאל זיין אזוי געפאלגט און צושלאגען, אין דער פאלטער מאשין, און געמאטערט, והוא מחלל מפשענו מדכא מעונותינו, מוסר שלומנו עליו, ובחברתו נרפא לנו, אבער ער איז צו טעבערט און צו שטאכען, פון אונזער פערברעכען, צוקלאפט אין דער פאלטער מאשין, פון אונזער פערדארבענהייט, און אונרעכט, ווייל מיר האבען אפגעטהון אונזער פריעדען, אז זאל ניט זיין אויף איהם, און אז מיר האבען איהם צו קיילט און צוביילט, איז אונז געהיילט געווארען, ד"ה אז מיר האבען געמאטערט א אידען, און איהם גע־הרג'עט, איז אונז עפעס וויא גרינגער געווארען אויף דעם הארצען; כלנו כצאן תעינו, איש לדרכו פנינו, וד' הפגיע בו את עון כלנו, הנה מיר אירדען אללע זא וויא דיא שאפפ, יעדער געהט זיך אוועק אין זיין פערדארבענעם וועג, אבער גאט וועט בעגעגענען אין דעם מארטירער, דאס אונרעכט פון אונז אלעמען, וואס מיר זיינען בעגאנ־

גען מיט איהם, נגש והוא נענה ולא יפתח פיו, כשה לטבח יובל, ער איז גענאנט געווארען, ד"ה ער איז אריינגעפיהרט געווארען אין שלאכט הויז, (איך מיין דאס געריכט הויז) נאהענט צו דעם שלאכט טיש, איז ער געוועזן זעהר ניעדערשלאגען, און ענטמוטהיגט, און קען ניט עפענען זיין מונד, זא וויא דיא לאמם, וואס ווערט געפיהרט צו דעם שלאכט הויז, וכרחל לפני גוזזיה נאלמה ולא יפתח פיו, און אזוי וויא דיא שאפף פיר איהרע שעהרערס, קען ער ניט עפענען זיין מונד, מעצר וממשפט לקח ואת דורו מי ישוחח, כי נגזר מארץ חיים, ער איז אוועק גענומען פון געפענגניס און פון גערעכטיגקייט אויך, וויל ער איז מיט אונרעכט פעראורטהיילט צום טוידט, און זיין וואהנונג אין דעם אונטעראירדישען קבר, וויא פיעל ער האט געליטען, איז ווער קען דאס דערצעהלען, וויל ער אליין איז אפגעשניטען געווארען פון דער לעבעדיגער וועלט, מפשע עמי, נגע למו, נור פיר דער זינד אליין, וואס ער טראגט דעם נאמען עמי, ד"ה דעם נאמען איד, דאס איז א פלאגע צו איהם, דערפאר דארף מען איהם זא שרעקליך פלאגען, ויתן את רשעים קברו, ואת עשיר במותיו, און ער האט בעסער אוועק געגעבען זיין בעגרעבניס מיט דיא זינדיגע און זיין רייכטהום אויך מיט זיין טוידט, ד"ה אז ער איז בעסער בעשטאנען, צו גע'הרגעט ווערען אלס איד, און געצעהלט צו ווערען, צווישען דיא צאהל פון דיא זינדיגע נשמות, און מען זאל צונעהמען זיין רייכטהום אויך, מיט זיין טוידט. (וויל דיא באנדיטען, פלעגען קאנפיסקירען דאס רייכטהום, פון דעם מארטירער, אויף דער קירכע), על לא חמס עשה ולא מרמה בפיו, וואס זיין פערמעהגען האט ער

ניט ערוואָרבען דורך געוואלד טהאטען, און האָט ניט קיין פאלשקייט אין זיין מויל, ער זאָל זאָגען אויף דריי, אז עס איז איינס, וד' חפץ דכאו החלי, דער מערדערישער פריסטער זאָגט צו דעם מארטירער, אז גאָט וויל דאָס האָבען, אז מע זאָל איהם זאָ צו קלאפּען מיט מאטער־ניסען, אם תשים אשם נפשו, יראה זרע יאריך ימים, וחפץ ד' בידו יצלח, אבער אז דו וועסט מאכען זינדיג דיין זעעלע, ד"ה אז ער וועט זיך מודה זיין, אז ער איז א איד, און וועט ווערען א קריסט, וועט ער זעהן זיינע קינדער, (ווייל ער וועט בעפרייעט ווערען) און וועט נאָך לאנג לעבען, און דער ווילען פון גאָטעס זוהן, וועט זיינע הענד בעגליקען, מעמל נפשו יראה, ישבע, אבער פון דיא קוועלען פון זיין זעעלע, וואָס מע קוועלט זיא, און מע מאטערט זיא זאָ שרעק־ליך, וועט ער ארויס זעהען דאָס פערדאָרבענהייט, פון דיא פרומע מערדער, מיט זייער הייליגען רעליגיאָן, איז וועט ער בעסער זיין זאט מיט זיינע קוועלען און מאטערניסען, בדעתו יצדיק צדיק, און מיט זיין פערשטאנד, וועט ער בעסער מאכען גערעכט, דאָס וואָס איז רעכט, ד"ה: זיין רעליגיאָן, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער ריכטי־גער ווארהייט, און אין וועלכער, עס איז פערבאָטען, צו צווינגען א מענשען געגען זיין ווילען, ווען ער איז ניט בעגאנגען קיין פערברעכען, אין דער מענשהייט, און אפילו א ריכטיגען מערדער דארפמען איהם גלייך הרג'ענען אָהנע מאטערניסען, עבדי לרבים ועונתם הוא יסבל אהו! מיין קנעכט! וואָס איז יעצט אונטערוואָרפען צו דער מאכט, פון דיא גרויסע אינקוויזיטאָרען, און זייער אונרעכט אונד פערדאָר־בענהייט מוז ער ליידען, לכן אחלק לו ברבים, און איבער דעם וועל

איך איהם בעסער צו טהיילען צווישען פיעלע נאציאָנען, (איז וועט ער קענען בעסער עקזיסטירען) ואת עצומים יחלק שלל, און דיא שטאַרקע מעכטע וועט ער טהיילען זיין פערמעגען, ד"ה אז זיי וועלען ביי איהם לייען געלד, תחת אשר הערה למות נפשו, אנשטאַט דעם, וואָס פריהער, איז פיר זיין געלד וואָס מע פלעגט קאָנפיסקירען, האָט ער נאָך געמוזט ענדעקען צום טוידט זיין זעעלע אויך, ואת פשעים נמנה, און איז נאָך געצעהלט געוואָרען צווישען דיא זינדיגע נשמות, והוא חטא רבים נשא, און ער האָט געמוזט אויף זיך טראָגען, דאָס אונרעכט און פערדאָרבענהייט, פון דיא גרויסע אינקוויזיטאָרען, ולפשעים יפגיע. און צו דיעזע שלעכטע און נידערטרעכטיגע, האָט ער זיך געדאַרפט ביי זייבעטען זיין לעבען.